№19 Opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פרייז פאַר א מילימעטער-שורה:
פאָרן טעקסט 40 גראָשען — נאָכן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 50 גראָשען.
די פרייזע פון לאָקאַלע אין פון 5 אָבאָנענטען [illegible].

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
טשענסטאָכאָוו, אלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענט-פרייז א נומער 20 גראָשען.
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, dnia 6 maja 1932. — ליכט-צינדען 6.50 — פרייטאָג פ' קדושים ל' ניסן תרצ"ב.

Biblioteka Jagellońska Kraków Św. Anny 19

ציוניסטיש-רעוויזיאָניסטישער פערבאַנד אין פוילען
אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

מיטוואָך, דעם 11-טען מאי 1932 י. 9 א זייגער אָווענד קומט פאָר אין קינאָ „אַטלאַנטיק", I אַגראַדאָווא 26

א רעפעראַט

פון בעוואוּסטען אָריענטאַליסט און פיהרער פון די רעוויזיאָניסטען אין ארץ-ישראל

ד"ר וואָלפגאַנג פאָן ווייזעל

אויף דאס טעמא: **„די איצטיגע ענגלישע וועלט-פּאָליטיק און איהר בעציהונג צו ארץ-ישראל".**

בילעטען פון 1 ביז 2,50 פריהער צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' ב. באַטשאַן, אלעע 6 און אין טאָג פון רעפעראַט פון 6 א זייגער אָווענד אין דער קאַסע פון קינאָ.

די פערוואַלטונג פון דער טשענסט. באַנק ספּולדזיעלטשי מיט בעגר. פּאַראַנטיע.

מאַכט בעקאַנט, דאס די **יערליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג** פון די מיטגלידער פון דער באַנק קומט פאָר זונטאָג, ד. 15 מאי 1932 י., 3 א זייגער נאָכמ. אין לאָקאַל פון די פייערלעשער, סטראַזשאַצקאַ 3.

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג און וואהלען פון א פּרעזידיום. 2) פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פריהערער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. 3) פאָרלעזען דעם בעריכט פון דער קאָנטראָל-רעוויזיע, וועלכע איז אדורכגעפיהרט געוואָרען דורך דעם אינספּעקטאָר פון פערבאַנד פון די יודישע קאַסעס, בענק אין פוילען. 4) אדורכקוקען און בעשטעטיגען דעם בעריכט פאַר'ן אָפּעראַציאָנס-יאהר 1931. 5. אננעמען דעם בודזשעט פאַר'ן ווירטשאַפטליכען יאהר 1932. 6. בעשטימען די גרעניץ פון העכסטען קרעדיט פאַר א מיטגליד. 7) בעשטימען די גרענעץ פון די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וועלכע די באַנק קאָן נעמען אויף זיך. 8) וואהלען אויפן אָרט פון די אָבטרעטענדע: א) פערוו.-מיטגליד ה' שמואל גאָלדשטיין און פערטרעטער ה' דוד שווארץ. ב) מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראַט ה"ה: סט. ב. העלמאַן, פ. שפּירא, א. עפּשטיין און פערטרעטער ה' ל. קאַפּינסקי.

בעמערקונג: אָבטרעטענדע מיטגלידער קענען ווערען נאָכאמאל געוועהלט.

צו דער תנאים פון אונזער זוהן
משה לייביש אפּעלעוויטש מיט פרל. **אסתר'קע ראָזענטאַל**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
עלטערן, שוועסטער און **ברידער.**

א הארציגען מזל-טוב מיין ברודער
משה לייביש אפּעלעוויטש מיט פרל. **אסתר'קע ראָזענטאַל**
צו זייער פערלאָבונג ווינשען
שוועסטער און **שוואָגער.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטערן זוהן און קוזין
משה לייביש אפּעלעוויטש מיט פרל. **אסתר'קע ראָזענטאַל**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
נח גרייצער און פרוי, **אברהם אָוויעצקי** און פרוי.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבע טאָכטער און שוועסטער
פעריל אָוויעצקי מיט ה' **ישראל אלחנן פינק**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק.
מוטער, שוועסטערן און **ברידער.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודערן טאָכטער
פערעלע אָוויעצקי מיט ה' **ישראל אלחנן פינק**
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט.
אברהם אָוויעצקי און פרוי, **נח גרייצער** און פרוי.

היינט פרייטאָג!

דאַרפען אלע מאַמעס פערשרייבען זייערע קינדער אין פאָלקסשולען

מיטנעמענדיג מיט זיך די שול-ציינגנישען פון ערשטען האלבען יאהר און פאַר די פריש-פערשרייבענע קינדער דאַרף מען מיטברענגען א געבורטס-מעטריקע און א ציינגניש, אז מען האט געשטעלט פּאָקען.

די איינשרייבונגען קומען פאָר נאָר היינט פרייטאָג פון 9 פריה ביז 1 מיטאָג און פון 3—6 נמ. אין שול-לאָקאַל, נאַרוטאָוויטשא 19/23.

די קינדער, וואס וועלען היינט נישט איינגעשריבען ווערען, וועלען פערלירען די מעגליכקייט צו לערנען אין די שולען.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליעבע שוועסטער און שוועגערין **רויזע מיענטקיעוויטש**
מיט ה' **יהושיע ראָזענצווייג**
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
ישראל. סקאָוראָנעק און פרוי.

עס ווערט געזוכט

א קוואַליפיצירטע פערקויפערין
אין געשעפט פון
ש. קרויסקאָפּף, 1-טע אלעע 12.
מעלדען זיך יעדען טאָג פון 3—4 נאָכמיטאָג.

Gimnazjum
Tow. Żydowskich Szkół Średnich
w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Tel. 158.
zawiadamia, że EGZAMINY do klas wstępnych
oraz klas gimnazjalnych od I do VII odbędą się
w niedzielę 19 czerwca r. b. o godz. 8 rano.
Zgłoszenia przyjmuje kancelarja.
Przy zgłoszeniu należy przedłożyć metrykę urodzenia.

מיט טיפען צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער הייסגעליבטע מוטער

העניע לעווקאָוויטש נ"ע

פון דערהיים יאָסקאָוויטש

די לויה איז פאָרגעקומען מיטוואָך כ"ח לחודש ניסן תרצ"ב (4 מאי 1932). גלייכצייטיג דאַנקען מיר די אלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, אייניקלעך און פאַמיליע.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע מיטגלידער די ברידער **יאקוב, יוליאַן** און **אדאַם**
צום טויט פון זייער אונפערגעסליכער
מוטער נ"ע.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון דער געז. **„אחיעזר".**

השתתפותנו העמוקה בצער של ידידנו הנכבד
מר שלמה יהודה אברמזון
על מות **אמו** ז"ל
בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ינחם.
משה יוסף וויינמן ורעיתו.

אנו משתתפים בצערו של ידידנו הנכבד
מ' שלמה אברהמזון
על מות **אמו** נ"ע
מהשוכן בציון ינחם.
משה רוזנצוויג ורעיתו.

דעם טיעפסטען מיטגעפיל דריקען מיר אויס דעם ה' יוליאַן לעווקאָוויטש און פאַמיליע צום טויט פון זייער מוטער
ב"ע **העניע**
זייט געטרייסט! **פאַמיליע ויידמאַן.**

ר אַנקזאַגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק דעם זעהר חשובן דאָקטאָר
ה' ה. גייסלער
פאַר זיין אונערמידליכער לייסטונג בעת מיין, ווי אויך ביי אונזערע קינדערס קראַנקהייט.
פאַר זיין מסירות-נפש'דיגע ארבייט, זאָל איהם גאָט געבען געזונד און אלדאָס-גוטס.
פנחס סידעצקי און פרוי.

Pokój z kuchnią
wraz z wszelkiemi wygodami
na parterze przy ul. KATEDRALNEJ № 7
(dawn. Strażacka 14)
zaraz do wynajęcia
Wiadomość M ELSTER, Katedralna № 7.

NADESZŁA ŚWIEŻA KROWIANKA
do szczepienia ospy ochronnej.
STARSZY FELCZER
St. Mittler Piłsudskiego 5/7
tel. 804.

M. Ruziewicz

Częstochowa. Ogrodowa 11
(B. Joselewicza № 6).
Rowery, maszyny do szycia,
oraz **wszelkie części do rowerów i samochodów.**
TELEFON № 231.

טעאַטער קאַמעראַלני. היינט, פרייטאָג, ד. 6 מאַי פונקטל. 9 אָווענד ווערט פאָרקומען נאָר

1 גרויסער אָריגינעלער קאָנצערט

פון בעריהמטען רעווי-קינסטלער און בעליעבטער הומאָריסט

יאסעלע קאלאדני,

וועלכער האט געשלאָגען דעם רעקאָרד פון ערפאָלג אין אויפגעטרעטען מיט 70 קאָנצערטען אין ווארשעווער ליטעראַטען-פעראיין און אין די גרעסטע טעאַטערן אין ווארשע.

אין פּראָגראַם:
שטימונגס - ליעדער, צייט - ליעדער, הומאָרעסקען, פּאַראָדיעס און קופּלעטען, וואס זענען נאָך נישט געזונגען געוואָרען אויף דער יודישער ביהנע.

טעקסטען און מוזיק פון **יאָסעלע קאָלאָדני.** ביים קלאַוויר: **ל. פינקעל.**

בילעטען אין דער דרוק. פון ה' באָטשאַן פון 6 אָווענד אין דער טעאַטער-קאַסע.

עס איז שוין צייט!!!

דערמיט האב איך די עה"ע בעקאַנט צו מאַכען אלע איינוואוינער פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד, אז איך האב איבערגענומען דעם בעוואוסטען לאַנגיעהריגען

פענסיאָנאַט פוּז ה' יאקובאָוויטש אין אָסטראָוו,

וועלכער איז איינגעאָרדנעט מיט די גייסטע מאָדערנע בעקוועהמליכקייטען פאַר די געסט און ווערט געעפענט

דעם 15 מאַי ה. י.

נעמענדיג אין אכט די קריטישע צייט **וועלען די פרייזען זיין צוגענגליך פאַר אלע** און איך וועל אָנווענדען די גרעסטע בעמיהונג, אז די געסט זאָלען אין אלע הינזיכטען העכסט צופרידען זיין און איך בין זיכער, אז מען וועט מיר שענקען דעם געהעריגען צוטרוי.
מיט אכטונג **דוד קעניגסבערג.**

אינפאָרמאַציעס: ביי ד. קעניגסבערג, ב. יאסעלעוויטשא 9, (פריהער אַגראָדאָווא 6) אָדער ביי ל. יאקובאָוויטש, קעדרזינסקא גאָט 5 I, טעל. 4-16.

מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער מיטגליד
ה' **שלמה יהודה אבראמזאָן**
צום טויט פון זיין
מוטער נ"ע.
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים, קאָמיטעט און **מתפללים** פון דער שוהל **„אהל יעקב".**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליעד
ה' **לעאָן לעווקאָוויטש**
צום טויט פון זיין ליעבע **מוטער**
העניע נ"ע.
זייט געטרייסט!
די גבאים, קאמיטעט און **מתפללים** פון דער שוהל **„אהל יעקב".**

מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער מיטגליעד
ה' **שלמה נאָוואַק**
צום טויט פון זיין **פאָטער**
שמואל ז"ל.
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים, קאָמיטעט און **מתפללים** פון דער שוהל **„אהל יעקב".**

נאטיצען.

און וואו איז טשענסטאכאוו?

אין דער גאנצער יודישער וועלט
קאכט זיך מיט די לעצטענס פארגעקו-
מענע עליות קיין ארץ-ישראל, וועלכע
זענען אויסגעפיהרט געווארען אין דער
פארם פון עקסקורסיעס אדער פון טו-
ריסטען, וועלכע האבען אבער בעריי-
כערט דעם ישוב מיט א גענוג גרויסער
צאהל מתישבים.

קודם-כל זענען צעהנטויזענדער יו-
דען פון אלע עקען וועלט געקומען ביי-
וואוינען די „עדלידע", „מכבידה" און
„תערוכה", וואס האבען בעוויזען ווי
אזוי דאס יודישע לעבען אין א"י
שפראצט און בליהט, ווי אזוי די יו-
דען אין לאנד ערוואכען צו א ניי
מוטיג און זארגלאז לעבען, און דאן
ווערט טאקי ערנסט גענומען אין בע-
טראכט דאס וואס ארץ - ישראל איז
אפשר דאס איינציגע לאנד וואוהין יו-
דען האבען די מעגליכקייט צו עמי-
גרירען מיט א נישט-גרויסען קאפיטאל,
וואו עס הערשט הייגט נישט קיין קרי-
זיס, נאר פערקעהרט ווער עס וויל נאר
ארבייטען און איז פעהיג צו ארבייטען
דארף וועגען קיין ברויט נישט זארגען.

עס האלט שוין דערביי, אז מען ווענ-
דעט זיך צו די נישט-ציוניסטישע גרו-
פען אז זיי דארפען אנווענדען
זייערע בליקען קיין א"י אלס דעם
איינציגען לאנד פון עמיגראציע-מעג-
ליכקייטען און מען דארף שטיצען די
עליה פון חלוצים קיין א"י, פשוט אלס
עמיגראנטען, וואס געפונען דארט א
מקום פליטה גיכער ווי אין אלע אנ-
דערע לענדער.

עס האלט שוין אזוי ווייט, אז די
יודישע פרעסע האט געפונען פאר נוי-
טיג צו ווארענען פאר א איבערגעאייל-
טע עליה, אז מענשען זאלען נישט
גלאט זיך כאפען קיין א"י, נישט זייענ-
דיג געגוי אינפארמירט אויב זיי זענען
דער געהעריגער עלעמענט, וואס קען
דארט געפונען זיין עקזיסטענץ.

קורץ, די יודישע וועלט, איבער-
הויפט די נאציאנאלע, האט אויפגע-
לעבט, די עליה קיין א"י שטעהט אויף
דעם טאג - ארדנונג אין אלע לענדער
וואו נאר יודען געפונען זיך, איבער-
הויפט ביי אונז אין פוילען, וואו דאס
יודישע ווירטשאפטליכע לעבען איז
ספעציעל רואינירט, און די גרויסע
מעהרהייט פון פוילישען יודענטום קוקט
פעסימיסטיש אויף די ווייטערע פערס-
פעקטיוועז, זעהט מען טאקי ווי יו-
גענד „כאפט זיך אריבער" קיין א"י
און מענשען מיט גרעסערע אדער קלע-
נערע קאפיטאלען טראכטען ערנסט ווע-
גען שאפען זיך א צוקונפט אין א"י.
און נישט בלויז מען טראכט נאר מען
טהוט, מען איז טאקי נישט איבער-
איילט, ווי ביי דער פערטער עליה,
אבער די זאך האט אנגענומען א גאנץ
ערנסטען כאראקטער, מען זעהט אין
א"י נישט בלויז א נאציאנאלע צוקונפט
נאר טאקי אויך א עקאנאמיש-ווירט-
שאפטליכע, וועלכע יעדער וויל וואס
פריהער אויסנוצען.

אזן ווי זעהט עס אויס ביי אונז אין
טשענסטאכאוו ?

אויף די אלע ארץ-ישראל פייערונ-
גען מיט די עקסקורסיעס וואס האבען
ווי געזאגט, צוגעצויגען צעהנער טוי-
זענדער עולים, איז פון טשענסטאכאוו
קיינער נישט געפאהרען מיט'ן אויס-
נאהם פון ה' מ. ש., וועלכער איז מיט
עטליכע יאהר צוריק שוין געוועזען אין
א"י, און דאכט זיך דארט עפיס גע-
קויפט.

מיר ווילען דא ציטירען איינציגע
שורות פון א פריוואט-בריעף וואס מיר
האבען בעקומען פון היגען בן-עיר,
וועלכער וואוינט שוין א רייהע יאהרען
אין תל-אביב ה' יהודה ליב אשר וועל-
כער שרייבט צווישען אנדערן:

„אין מיין פוריגען בריף האב איך גע-
בעטען מיך צו בעריכטען וויפיל טשענ-
סטאכאווער עס וועלען קומען מ"ט די
עקסקוריעס אויף די פייערונגען, כדי
צו וויסען וויפיעל פלעץ איך זאל פאר
זיי צוגרייטען, אבער צו מיין גרויסער
חרפה איז מיין מיה און דאס אבוואר-
טען ביי דער שיף און באהנען געוועזען
אומזיסט און איך, מיט מיין פרוי זע-
נען מיר פערשעהמט מיט אראבגעבוי-
גענע קעפ געגאנגען אהיים און פון
אונזערע ליפען האבען זיך ארויסגערי-
סען די ווערטער: הבוז, חבוז."

„...און א דאפעלטען פערברעכען זע-
נען מיר בעגאנגען, ווייל ווען די „עי-
ריה" האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף
אז אלע בירגער פון תל - אביב זאלען
אבגעבען פלעצער פאר די טויזענדער
געסט, וואס האבען נישט געהאט קיין
פלאץ אין די האטעלען, האבען מיר
זיך אבגעזאגט, רעזערווירענדיג אונזער
וואוינונג פאר די טשענסטאכאווער און
יעצט זענען מיר געבליבען א אויס-
נאהם פון אלע, אהן שום געסט, ווייל
טשענסטאכאוו איז צום בעדויערן,
ווייטער געבליבען טשענסטאכאוו..."

אזוי איז דאס אויך מיט דער עליה
בעוועגונג בכלל. מיר לעזען אין דער
פרעסע וועגען דער גרויסער בעגייס-
טערונג וואס האט ארומגענומען אלע
יודישע שיכטען, ווי ווייט דער געדאנק
האט אריינגעדרינגען אין די יודישע
הערצער און מוחות, און מיר טשענ-
סטאכאווער לעזען דאס אזוי ווי עס
וואלט פארגעקומען ערגיץ אויפ'ן מארס
און מיר וואלטען דערצו קיין שייכות
נישט געהאט, נאר עס דיענט אונז
בלויז א פרעהליכע ידיעה און גינסטיגע
ערשיינונג.

און דאס אין דער צייט, ווען מיר
איז בעוואוסט, אז באמת זענען אויך
ביי אונז אין שטאדט פערהאנען יודען
מיט גרעסערע אדער קלענערע מעג-
ליכקייטען, וועלכע ווילען מיט'ן גאנצען
הארצען מאכען א שריט אויפ'ן וועג
קיין א"י. מיר זענען אויך בעקאנט
גרעסערע קאפיטאליסטען וואס זענען
ארומגענומען געווארען מיט'ן גייסט פון
דער גרויסער צייט און זיי ווילען
„עפיס" בויען אין א"י. עס זענען פער-
האן אזאלכע וואס בעראטען זיך ווע-
גען דעם אין געהיים, אבער זיי האבען
נישט די מעגליכקייט זייערע פלענער
צו פערווירקליכען, ווייל...

ווייל עס איז אין טשענסטאכאוו
נישט פערהאנען קיין ארגאניזאציע וואס
זאל זיך פערנעמען מיט פראקטישער
ארץ-ישראל ארבייט. נישט דער אגודת
הציונים און נישט דער „מזרחי" הא-
בען אין זינען אזאלכע זאכען ווי העלפ-
פען מענשען זיך בעזעצען אין א"י
אדער שאפען פאר זיי די נויטיגע אינ-
פארמאציעס.

אלעס ביי אונז שלאפט אויף דעם
געביעט, עס איז נישטא דער קאנטאקט,
עס איז נישטא די פעראינטערעסירונג.
מען פערנעמט זיך מיט נישטיגע מינ-
דערווערטיגע לאקאלע פאליטיק, פון
וועלכער עס וועט אונז גארנישט ארויס-
קומען. און דעריבער ביי דער גאנצער
אויפלעבונג, וואס הערשט איצט אין
דער יודישער וועלט, ווען אלע יודישע
הערצער זענען אנגעפולט מיט א אי-
נערליכער שטרעבונג פון א פינפטער
פלאנמעסיגער און פראקטישער עליה,
רייסט זיך ארויס די אנגעוועהטאגטע
פראגע:

און וואו איז טשענסטאכאוו?

י. פלאצקער.

מיר בעגריסען.

(צום בעזוך פון ד"ר וואלפגאנג פאן ווייזעל אין טשענסטאכאוו.

מיטוואך דעם 11-טען מאי וועט בע-
עהרען אונזער שטאדט מיט זיין בעזוך
איינער פון די פאפולערסטע און שענס-
טע פילארען פון אונזער רעוויזיאניס-
טישער בעוועגונג, ד"ר וואלפגאנג פאן
ווייזעל, וועלכער וועט אויפטרעטען
מיט א רעפעראט א. ד. ט. „די ענגלי-
שע וועלט-פאליטיק און איהר בעציהונג
צו ארץ-ישראל".

דער בעזוך פון חשוב'ען גאסט איז
ביי אונז א דאפעלטער יום-טוב, ערש-
טענס דערפאר ווייל ער איז דער שע-
פער פון דער רעוויזיאניסטישער ארגא-
ניזאציע אין ארץ-ישראל און שטעהט
אין איהר שפיץ. צווייטענס, געהער
ער צו די אבגעראטעוועטע קרבנות,
וואס זענען פערוואונדעט געווארען ביי
דעם כותל-המערבי און אין די אויגען
פון דער ארץ-ישראל פאליציי, בעת די
אב-געשעהענישען.

זייענדיג איינער פון די געצעהלטע
מזרח-קארעספאנדענטען פאר די גרעס-
טע צייטונגען אין אייראפא האט ער
זיך געגוי בעקענט מיט אלע אריענט-
פראבלעמען און ספעציעל מיט דער
ענגלישער הינטער-קוליסען-פאליטיק און
דעריבער איז ער פון די בערופענדסטע
אויטאריטעטען מיט זיין קריטיק אין
בעצוג צו דער ענגלישער קאלאניאל-
פאליטיק.

ד"ר פאן ווייזעל זייענדיג אנ'אויפ-
ריכטיגער מענש און שטאלצער יוד,
האט נישט געקאנט טאלערירען די
גרינגשעצענדע און פעררעטערישע בע-
ציהונגען מצד דער מאנדאט-מאכט
צו אונזערע האפנונגען און שטרעבונ-
גען, און אלס פועל-יוצא פון די דאזיגע
פאליטישע אבסערוואציעס האט ער זיך
געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון
דער ציוניסטיש-רעוויזיאניסטישער בע-
וועגונג, וועלכער ער דיענט מיט זיין
גאנצער אפפערוויליגקייט. דעריבער
האט זיין יודענשטאטס-מיסיע א גרויס-
וואגיגע בעדייטונג פאר דעם אלגעמיי-
נעם ציוניזם.

צוליעב די דאזיגע פערשטענדליכע
טעמים האט זיין בעזוך ארויסגערופען
ביי אונז אין שטאדט, אזוי ווי אין די
גרעסערע שטעדט אין אייראפא, וועלכע
אונזער פיהרער האט בעזוכט, א אוי-
סערגעוועהנליכע פעראינטערעסירונג.

מיר בעגעגענען אונזער פיהרער
מיט די ווארימסטע געפיהלען פון פרייד
און סימפאטיע און בעגריסען מיט דעם
טראדיציאנעלען ב ר ו ך ה ב א !

ל. קאפינסקי.

הינטער די קוליסען פון דער מכביאדע.

דער ערפאלג פון פרל. בערענזאהן.

דער גרויסער ערפאלג פון דער רעפ-
רעזענטאנץ פון פויליש-יודישע ספארט-
לער, וועלכע האבען פערנומען דאס
ערשטע ארט אויף דער מכביאדע, וועט
נאך לאנג זיין דאס טעמא פון שמועסען
און קאמענטארען.

נישט געקוקט דערויף, וואס ס'האט
נאך צומאל זיך נישט אנגעהויבען דער
ספארט-סעזאן, האבען זיי פערנומען
דאס ערשטע ארט און דאס נאר א דאנק
די געהעריגע צוגרייטונגען.

זעהר אינטערעסאנט זענען די צו-
גרייטונגען פון פרל. בערענזאהן צו
דער מכביאדע, וועלכע האט געבראכט
אזעלכע שענע רעזולטאטען: ווארפען
דעם דיסק 45—31 מעטער, שטויס אין
קויל 8.57 מעטער. זי האט זיך א חודש
צייט פאר דער מכביאדע געפונען אין
לייכטאטלעטישען לאגער אין פויזען.
און אויסער דעם ספעציעלען טרענינג
האט זי דורכגעמאכט א צוקער ערנעה-
רונג פון 250 גראם טעגליך.

צוקער גיט ענערגיע, כוח און וואג.
דעריבער געברויכען אלע ספארטלער
אויף דער גאנצער וועלט צוקער בעת
גרויסע ספארט-לייסטונגען און דאס אויך
בעת גרויסע פיזישע און גייסטיגע אנ-
שטרענגונגען.

א דאנק דעם דערנעהרען זיך מיט
צוקער האט פרל. בערענזאהן דערגרייכט
אזא נצחון אויף דער מכביאדע.



די ענטלאפענע. (6

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג)

חנה'לע, וועלכע האט מיט דער גרע-
סטער נייגיריגקייט געוואלט הערען פון
איהר מוטער ווען זיי האבען דאס
בעשטימט פאר איהר בעשערטען, איז
ערשטוינט געווארען, הערענדיג אז דאס
איז דער ישיבה-בחור וואס עסט ביי
זיי יעדען שבת און יום-טוב, און אזוי
ווי זי וואלט איהרע אייגענע אויערען
נישט געגלויבט, האט זי נאכאמאל אי-
בערגעפרעגט די מוטער:

וואס האסטו געזאגט מאמעשי?

דו האסט דאך געהערט, חנה'לע —
האט די מוטער געצויגען איהרע ווער-
טער — אז דעם בחור, וואס עסט ביי
אונז וויל דער פאטער בעשטימען פאר
דיין חתן.

דעם דאזיגען מנוול? — האט חנה'לע
אויסגערופען און איז שרעקליך בלאס
געווארען.

רעד נישט אזוי, קינד, דער היגער
רב ר' נפתלי הכהן, וואס איז בעוואוסט
אלס דער גרעסטער גאון און חכם פון
אונזער צייט, פערזיכערט אז דער דא-
זיגער בחור איז א זעהר גרויסער עלוי
און ער וועט אמאל זיין פון די גרע-
סטע יודישע גאונים אין דער וועלט.

אבער ער איז דאך אזוי מיאוס און
געהט אזוי נישט אנשטענדיג געקליידט?

שעהנהייט איז נארהייט — האט די
מוטער געענטפערט — דער עיקר איז
וואס דער מענש איז און וואסערע
קענטניש ער בעזיצט, און וואס אנבע-
לאנגען זיין קליידונג, וועט מען איהם
אנשטענדיג בעקליידען און ער וועט
גאר אנדערש אויסזעהן.

חנה'לע האט מעהר נישט געענט-
פערט, זי האט זיך טיעף פערטראכט
וועגען די ווערטער פון איהר מוטער,
וועלכע האבען זי געטראפען ווי א דו-
נער. די מוטער האט אויך פערשטאנען
אז אויפ'ן ערשטען מאל וועט שוין
זיין גענוג, זי האט דעריבער געקושט
די טאכטער אין קאפ און איז ארויס
פון צימער.

5.

עס זענען אוועק 4 וואכען.

ביי ר' יעקב משה'ן אין הויז קאכט
זיך ווי אין א קעסיל.

אין 3 טעג ארום קומען פאר די
תנאים פון זיין איינציגער טאכטער און
דעריבער געהט אלעס ווי אויף רע-
דער.

עס זענען בעשעפטיגט נישט בלויז
די הויז - מענשען און די שטענדיגע
דינסטען, נאר מען האט ספעציעל גע-
נומען קעכינס און סארווערס, וועלכע
גרייטען צו די גרויסע מאלצייט, אויך
די שטובען ווערען געראמט און אויפ-
געפרישט, ווייל יעקב משה האט בע-
שלאסען צו פייערן די תנאים פון זיין
איינציג קינד אזוי ווי עס שטעהט אן
פאר אזא גביר. ווי ער איז.

בעזונדער האט ער געוואלט פערבע-
טען אויף זיין שמחה נישט בלויז זיי-
נע פיעל יודישע פריינד, וואס האבען
זיך געפונען אין פראנקפורט, נאר אויך
עטליכע פון דער קריסטליכער וועלט,
מיט וועלכע ער איז געשטאנען אין
האנדעלס - בעציהונגען, און ער האט
דעריבער געוואלט אז די שמחה זאל
ארויסקומען וואס פייערליכער און אימ-
פאזאנטער.

אין דער יודישער געטא האט מען
אויך שטארק גערעדט וועגען דעם שי-
דוך, וואס יעקב משה טהוט מיט זיין
איינציגער טאכטער, וועלכע איז אויך
געוועזען בעריהמט אלס זעהר געראטענע
און מיט אלע מעלות. מען האט גע-
זאגט אז דער חתן איז דער גרעסטער
עלוי, און ער וועט אמאל זיין רב אין
פראנקפורט. אין די יודישע הייזער
האט מען מקנא געווען יעקב משה'ן,
און די יודישע מיידלעך האבען מיט
גרויס קנאה געקוקט אויף חנה'לען,
וועלכע איז אזוי גליקליך.

גרויס אויפזעהען האט דאס ארויס-
גערופען אין דער ישיבה. אלע ישיבה-
בחורים האבען זעהר מקנא געווען דעם
„האמבורגער" וועלכער איז טאקי דער
בעסטער בחור פון דער ישיבה, אבער
ער איז פארט א מיאוס'ער און א גרוי-
סער בטלן, און דא געשעהט איהם אזא
גרויס גליק אז ער בעקומט פאר א כלה
דאס רייכסטע און שענסטע מיידעל פון
פראנקפורט.

און ער אליין, דער חתן-בחור, ביי
איהם איז גארנישט געווען צו דערקע-
נען, ווען זיינע חברים האבען מיט
אנגעהויבען פערפיהרען וועגען דעם א
שמועס, האט ער אויסגעמיטען וועגען
דעם צו רעדען, אזוי ווי די גאנצע וועלט
איהם גארנישט אנגעהערט. ער האט
ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך קיינ-
מאל נישט אבגעריסען פון לערנען.
פערקעהרט ער האט נאך מיט מעהר
פלייס פארטגעזעצט דאס לערנען, און
איז בעזונדער געווען בעשעפטיגט מיט'ן
צוגרייטען א גרויסע דרשה אויף די
תנאים וואו עס וועלען זיין אנוועזענד
אויסער דעם רב, אויך די גרעסטע
לומדים פון פראנקפורט.

עטליכע טעג פאר'ן בעשטימטען טער-
מין פון דער תנאים איז צום חתן גע-
קומען א שניידער און איהם גענומען
די מאס אויף נייע מלבושים וואס יעקב
משה האט געלאזט פאר איהם אויפ-
נייען, אבער אויך דאס האט אויף
איהם נישט געמאכט קיין איינדרוק,
און ער איז געבליבען גלייכגילטיג צו
די אלע נארישקייטען.

און חנה'לע?

די ערשטע צייט ווען זי האט פון
איהר מוטער געהערט ווער מען די על-
טערן האבען בעשטימט פאר איהר לע-
בענס-בעגלייטער איז זי פשוט ווי צו-
מישט געווארען. עס זענען געווען מא-
מענטען ווען זי האט געוואלט אריינ-
געהן צום פאטער, איהם פאלען צו די
פיס און בעטען ער זאל אויף איהר
רחמנות האבען, און נישט פערקויפען
זי אויפ'ן גאנצען לעבען צו אזא מי-
אוס'ען מענש. זי האט אבער צו גוט
געקענט איהר פאטער און געוואוסט,
אז טראץ דעם וואס ער האט זי אוי-
סערגעוועהנליך ליעב. איז אבער דאס
יודישקייט און דער תורה - רוהם פאר
איהם דאס העכסטע גליק אין דער
וועלט. זי האט אויך געוואוסט, אז ער
איז זעהר שטרענג און דער בעשלוס
וואס ער נעמט אן, מוז ער אויספיה-
רען נישט אבשטעלענדיג זיך פאר קיין
שום מיטלען, און דעריבער האט זי
פערשטאנען, אז איהר רעדען מיט'ן
פאטער איז צוועקלאז.

איבערהויפט איז דאמאלס נאך גע-
ווען ביי די יודען אין פראנקפורט דער
מנהג, אז די טעכטער האבען נישט
געזאגט קיין שום דעה און נישט גע-
האט קיין שום איינפלוס אויף זייערע
עלטערן ווען עס האט געהאלטען ביי
א שידוך פאר זיי, נאר זיי האבען
שטענדיג געמוזט בלינד פאלגען און
זיך אונטערגעבען דעם בעשלוס פון
די עלטערן. מיט איהר מוטער האט
חנה'לע יא עטליכע מאל גערעדט, זי
האט זיך פאר איהר גוט אויסגעוויינט
און די מוטער האט זי זאגאר טיילווייז
פערשטאנען, אבער דער בעשלוס ווע-
גען דעם שידוך איז שוין געווען גע-
פאסט און ס'איז ביי קיין פאל נישט
מעגליך געווען צו ענדערן.

און אזוי האט חנה'לע מיט זיך אי-
נערליך געקעמפט, פערברענגט פיעל
שלאפלאזע נעכט און ביטערע טעג, ביז
עס איז אנגעקומען דער טאג וואס איז
געווען בעשטימט פאר איהרע תנאים.

(פארטז. קומט).

בילדער-אויסשטעלונג פון לאָדזער מאלער מ. ר. גאָטליב.

מ. ד. גאָטליב, וועלכער האט מיט עטליכע יאהר צוריק געהאַט אין א רייהע שטעדט בילדער - אויסשטעלונגען און געצויגען אויף זיך די אויפמער-קזאַמקייט פון דער פּרעסע און געזעל-שאַפט, האָט מיט זיינע יעצטיגע אַר-בייטען, מיט זיינע עטליכע צעהנדלינג נייע שאפונגען געוויזען, אז דורך דער צייט איז ער נישט געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, געוואָרען קרעפטיגער און רייפער, זוכענדיג מיטלען ווי אַזוי אויסצודריקען זיין, אָהן שום ספק, מאַ-לערישען טאַלענט, דאס, וואס וואַרפט זיך באַלד אין די אויגען איז די זי-כערקייט, אז דורך די קליינע מיניאַ-טור-שקיצען, דורך די קליינע קאָמפּאָ-זיציעס פון כל'ערליי טיפּען און פיגו-רען, וואס זענען אַזוי ווייך און צני-עות'דיג געצייכענט, אז דורך זיי רעדט אמת'דיגע קינסטלערישע פיהלבאַרקייט, אַזאַ שטילע, רויהע אוממיטעלבאַרקייט פון עכטען שאַפען; די פשטות פון זיי-נע טעמען, דער אופן פון זייער בע-האַנדלונג, די אָרימע אָנעמישע מיט-לען, מיט וועלכע ער אָפּערירט, מאַכט אייך באַלד גלויבען אינ'ם מאָלער'ס אויפריכטיגען זעהן און פיהלען, אויף זיין אייגענאַרטיגען קינסטלערישען קוק אויף דער וועלט.

און ווי אַזוי זעהט אויס זיין וועלט? עס הענגט אַנ'אונפערמיידליכער טרוי-עריגער גורל איבער די איבערגעלאָ-דענע פּלייצעס פון זיינע וואַסערטרע-גערס, איבער די פנים'ער, וועמענס שטריכען דערצעהלען פון פיין און מענשליכען עלענד; אַזאַ נאַקעט שלוכ-צען יאָגט פון די צושויבערטע מלבו-שים, אין וועלכע זיינע פיגורען זענען איינגעוויקעלט, שטילע זיפצען, שאָ-טענדיגע געשטאַלטען, וואס ווייגען אי-בער זייער גורל. נישטאָ קיין איין זאַך וואס זאָל האָבען די מינדעסטע אָנדיי-טונג אויף ליכט, זון אָדער פרייד, זיין קאָלאָריט איז אומעטום א געדעמפּטער א פאַרנאַכטיגער.

גאָטליב קען די יודישע נויט און עלענד, מען פיהלט ביי איהם קינסט-לערישען מיטלייד פון א פערוואונדעטען מענש.

דער צער פון זיינע מענשען שטאַמט פון הונגער נאָך אינערליכער אויסליי-דיגונג, פון שווערער לאַסט, וואס בייגט זייערע קעפּ צו דר'ערד. זיינע אַרביי-טען זענען נישט געווענדעט צו אונז, זיי זענען פערבליקט אין זיך, אַזאַ קאָנטעמפּלאַטיווע ארייננקוקען אין איי-גענעם גורל.

זיינע מענשען האָבען נאָך נישט אויפגעעפענט די אויגען, זיי דרימלען אין זיך פערשלאָסען און בייז. מיט א געוועהנליכען בליישטיפט-שטריך ברענגט ער אַרויס טיעף אינדיווידועלעס, זיין טאָן איז א סאַמעטענער און קיהלער, זיין ליניע ווייך און זאַנפט — מען פיהלט אויך דאָ און דאָרט השפעות, א מאַנגעל אין לופט, ווייניג אינערלי-כער דינאַמיק. אין כלל גענומען זעהט מען, אז דער קינסטלער געהט צו רייפקייט, צום איבערווינדען דאס שרע-קעדיג און נעפּעלדיגע.

שוין עטליכע צייכנונגען („וויא, מיי-נע פערדעלעך", „ביים ברעג") ווייזען אָן דערויף, אז עס כאַפּט זיך צו זיי אריין א לופטיגער זון - שמייכעל, די פרייד פון בלוטיגען לעבען און דאס גיט צו האָפען, אז מ. ד. גאָטליב וועט נישט פערבלייבען לאַנג אינ'ם טעמפּען ווינקעל, ווי אַלץ שרייט פון פערצווויי-פלונג און מענשליכע צובראָכענקייט.

די קינסטלערישע אימפּרעזעס פון מ. ד. גאָטליב'ן פּערדינען וואַרים אונטערגע-שטיצט צו ווערען, הן אין מאָראַלישען, הן אין מאַטעריעלען זין.

יעקב ראָזינער

רעגולירט. פערהאַן שולען ספּעציעל פאַר יודען, וואו ס'ווערט געלערנט זונ-טאַג און נישט שבת. אָבער אויך אין די אַלגעמיינע מלוכה-שולען קענען די יודי-שע קינדער, לויט ספּעציעלע בקשות, בעפרייט ווערען פון לערנען. דער לימו-דים-פּלאַן ווערט אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז די יודישע תלמידים זאָלען נישט ליידען פונ'ם דורכלאַז.

דאָס זעלביגע איז אויך שייך צו יו-דישע לעהרערס, וואָס זענען בעשעפ-טיגט אין אַלג. מלוכה-שולען.

אויך אין די געריכטען ווערט פּראַק-טיצירט, אַז יודישע פּראָצעסען ווערען נישט בעטראַכט אום שבת און יום-טוב.

דאָס זענען בכלל די געזעצען און פאַרשריפטען בנוגע שבת רוה פאַר יו-דען, וואָס זענען איינגעפיהרט אין האָ-לאַנד און קענען דינען פאַר א יסוד צו דער רעגולירונג פון דער דאָזיגער אָנגעווייטאָגטער פּראָבלעם אויך אין פּוילען, אויב ס'זאָל נאָר זיין דערצו דער גוטער ווילען.

ב. צ—ן.

ביים אָנהויבענדער פערקיהלונג פון בלוט-געפעס דערפיהרט צו א רעגעל-מעסיגען שטוהל-אויסליידיגונג און אָב-שוואַכונג פון בלוט-דרוק. דער געברויך פון נאַטירליכען ביטער וואַסער
Francis ka Józ fa

מרדכי קויפמאַן.

די ענטוויקלונג פון יודישען טעאַטער.

— 2. —

דער אָנהויב פון פורים - שפּיעל ביי יודען, איז לעולם א סך עלטער לויט ווי עס איז ביי אונז אָנגענומען, ד. ה. לויט דער דראַמאַטיזירונג פון „מגלת אסתר" אַלס א פערטיגע זאַך, אַלס גאַנצעס, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין נייַנטען אָדער צעהנטען יאָהרהונ-דערט.

שוין אין פינפטען יאָהרהונדערט האָ-בען יודען א סך געליטען פון די אַרו-מיגע קריסטליכע פעלקער צוליעב דעם מין פּורים-שפּיעל, וואס איז געפּראַוועט געוואָרען אויפ'ן הויף פון בית-המדרש אָדער שוהל. פורים איז געווען דער איינציגסטער טאַג אין יאָהר, ווען דער יוד האָט זיך אינגאַנצען פערגעסען, ווען ער האָט זיך אויסגעטהון פון זיין רוח-ניות-וועלטיל, ווען שכור זיין איז א מצוה און חוץ דעם האָבען די יודען, וועלכע זענען פון די שונאים גערודפ'ט, געשטיקט געוואָרען אויף שריט און טריט—געהאָט די בעסטע געלעגענהייט אין טאַג פון פורים, ווען ס'איז געפיי-ערט געוואָרען דער גרויסער נצחון פון אונזער ערגסטען שונא—המן, אויסצו-לאַכען, חוזק צו מאַכען פון איהם און-טער די אויגען (דאס איינציגע מיטעל פון א שוואַכערען) — און יעדער יוד האָט אין דעם חוזק געפיהלט, אַז דאס איז א נקמה אין אַלע זיינע שונאים.

דאס איז פּאַרגעקומען אויף אַזאַ אופן, אז ווען יודען זענען אַרויסגעגאַנגען פון בית-המדרש נאָכ'ן לייענען די מגי-לה, האָבען זיי אויפ'ן הויף אויפגע-שטעלט א תליה, געמאַכט א מאַנעקין פון המנ'ען און יעדער ווער ס'האָט נאָר געוואָלט האָט געזאָגט איבער איהם עפּיס א גוטען, שאַרפען וויץ, געמאַכט פערשידענע קאַריקאַטורען, געזינגען און געטאַנצט אַרום המנ'ען און שפּעטער האָט מען דעם מאַנעקין צוזאַמען מיט דער תליה פערברענט.

דאס האָט די קריסטליכע שכנים נישט קיין הנאה געטהון, זיי האָבען שאַרף פּראָטעסטירט, זאָגענדיג, אַז דאס איז כלומרשט א בעליידיגונג פאַר זיי-ער רעליגיע און זיי האָבען גענומען אויסטראַכטען אויף די יודען פערשידע-נע בלבולים. יודען האָבען פון דעם א סך געליטען, אַזוי האָבען די קריסטען אין יאָהר 415 אין אַנטיאָך נקמה גע-נומען פון די יודען, וועלכע זיי האָבען בעשטראָפט און דערנאָך פערטריבען פון די בתי-מדרשים. אָבער דאס האָט באין אופן נישט געקענט אָבהאַלטען די יו-דען פון ווייטער פּראַווען די דאָזיגע שפּיעל אינ'ם טאָג פון פורים, ווען ער האָט געהאָט די איינציגע געלעגענהייט אָבצושפּאָטען, זיך אויף אַזאַ אופן אָב-צורעכנען מיט די המנ'ס, וואס איז גע-מיינט געוואָרען אַלע שונאים און אונ-טערדריקער.

כאַראַקטעריסטיש, אַז אינ'ם היינטי-גען אַלט-נייעם אויפגעלעבטען ארץ-ישראל, ווערט אין דער יודישער שטאָדט תל-אביב דער יום-טוב פורים, וואס איז געוואָרען דער יודישער קאַרנאַוואַל, געפּראַוועט כמעט אויף דעם זעלבען אופן ווי דאַן אויפ'ן בית-המדרש-הויף, נאָר מיט אַנדערע מאָדערנע מיטלען. אַזוי ווערט אין די גאַסען געטאַנצט געזינגען און געוויזען פערשידענע קאַ-ריקאַטורען, וואָס שטעלען פאַר אונזע-רע אַלטע און נייע המנ'ס פון פערשי-דענע צייטען, ווי: טיטוס, פּרעה כמעל-ניצקי, היטלער, קוזא, פּאַספּילד און אַנד.

ווי געזאָגט, האָט דער דאָזיגער מין פורים-שפּיעל, סיי לויט איהר פאָרם, סיי לויט איהר אינהאַלט, באין אופן נישט געקענט האָבען קיין שייכות מיט דער שפּעטערדיגער מאָדערנער דראַ-מע, פון וועלכער ס'האט זיך אויסגע-פּיקט דאס יודישע טעאַטער. אפילו אין צעהנטען יאָהרהונדערט, ווען ס'איז שוין פערהאַן א געשריבענע פאָרם פון דער געשיכטע פון אחשורוש מיט פערשידע-נע ראָלען, ווי: מרדכי, אחשורוש, ושתי, אסתר, זרש א. אנד. — איז דאס אויך נאָך געווען אַזוי פּרימיטיוו און אומגע-לומפּערט, אַז עס איז במשך פון הונ-דערטער יאָהרען געבליבען שטעהן אויף איין אָרט און זיך אַבסאָלוט נישט ענט-וויקעלט, אין דער צייט, ווען די מאָ-דערנע דראַמע פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע איז אויך אין דעם זעלבען יאָהרהונדערט ענטשטאַנען און זיך אָנגעהויבען ערשט ענטוויקלען, איז אַלץ ווייטער געגאַנגען פאָרווערטס.

ערשטענס איז עס געווען דערפאַר, ווייל אין דער דאָזיגער דראַמאַטיזירונג פון „מגילת אסתר" האָבען די פרויען-ראָלען פון: אסתר, ושתי א"א געדאַרפט אויס-פיהרען פרויען, א זאַך, וואס האָט גאָרנישט געקענט געשעהן; און ווידער מען זאָל נעמען מענער, וועלכע זאָלען זיך פערשטעלען פאַר פרויען, וואָלט מען זיך אָנגעשטויסען אויף א בפירוש'ן לאו פון דער תורה: „לא ילבש גבר שמלת אשה", וואס איז געווען זעהר הארב. אַזוי, אַז אין דער דאָזיגער תקופה האָבען יודען—ביי אַזאלכע בע-דינגונגען—נישט געהאַט קיין ברייטע מעגליכקייטען צו ענטוויקלען די נאַר-וואס אָנגעהויבענע אַרבייט אויפ'ן גע-ביעט פון דראַמאַטיזירען די יודישע געשיכטע און דאס יודישע לעבען.

כאָטש אין דער צייט פון שעקספּיר און דעם גרעסטען שפּאַנישען דראַמאַ-טורג קאַלדעראָן, האָבען אויך קיין פרויען נישט געשפּילט אויף דער סצע-נע, זענען זיי אָבער פערטרעטען גע-וואָרען דורך מענער, וועלכע האָבען די פרויען - ראָלען אויסגעצייכענט גע-שפּיעלט. אַזוי-אַרום האָט געקענט גע-מאָלט זיין, אַז דאס טעאַטער פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכעס האט פון פינפטען ביז'ן צעהנטען יאָהרהונ-דערט לגמרי נישט עקזיסטירט, האָט אָבער באַלד בעקומען א ברייט פעלד פון אַרבייט און אָנגעהויבען מאַכען פאָרטשריט, אינדערצייט ווען די יודען, וועלכע האָבען פריהער אָנגעהויבען אויף דעם געביעט צו שאַפען, זענען צוליעב די פערשידענע חומרים, גדרים און לאו'ן, מיט וועלכע זיי זענען גע-ווען נעפענטעט—געבליבען שטעהן אויף א טויטען פונקט.

אפילו אין די שפּעטערע צייטען אין אָנהויב פון 18 יאָהרהונדערט. ווען אין דייטשלאַנד האָבען זיך בעוויזען די ערשטע געדרוקטע זאַכען פון די פורים-שפּיעל אויף יודיש (דייטשמערישער אויסלייג), ווי: „איין שיין ניי אחשורוש-שפּיעל" (1708), וואס איז שוין געשרי-בען געוואָרען אין דער פאָרם צו שפּי-לען אין די הייזער, און מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אין 1710, האָבען זיך ווי'ער בעוויזען נייע זאַכען: „מכירת יוסף", „דוד און גלית" א. אנד., וואס זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די בחורים פון דער פראַנקפורטער ישיבה מיט דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט-עפעקטען און גאַנצען קלאַפּער-געצייג, וואס איז דערצו נויטיג געווען. אפילו דאמאלס האָט עס זיך אויך נישט בע-וויזען אַרויסצורייסען פון די ד' אמות פון דער בית-המדרש-קונסט און געבלי-בען איינגעצוימט, בעגרעניצט און פער-גליווערט.

די פורים - שפּיל זענען שוין אפילו דאַן געשפּילט געוואָרען נישט בלויז אין טאָג פון פורים, נאָר א גאַנצען חודש אדר, אָבער ווייטער איז עס נישט געגאַנגען. דאס כשר'ן צו שפּי-לען „טעאַטער" א גאַנצען חודש אדר שרייבט מען אויך צו דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון פורים, ווען ס'איז א מצוה זיך משמח צו זיין, ווען דאס גאַנצע פאָלק שכור'ט און קוויקט זיך מיט דער דאָזיגער פורים-אונטערהאַל-טונג. פון שאַפען א שטענדיג יודיש טעאַטער, וואָס וואָלט אין דער רענע-סאַנס-עפּאָכע געווען א גאַנץ נאַטירלי-כע ערשיינונג — איז גאָר קיין רייד נישט געווען.

ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 18-טען יאָהרהונדערט, ווען די השכלה-בעוועגונג האט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אין דייטשלאַנד און האָט ווי א שטורם זיך אַדורכגעריסען דורך די יודישע געטאָ'ס, האָבען זיך אָנגע-הויבען בעווייזען די ערשטע סמנים פון מאָדערנע דראַמאַטישע שאַפונגען פון יודען אויף אייגענע און פרעמדע פעל-דער, וואס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר'ן צוקונפטיגען יודישען טעאַטער.

וועגען דעם—אין ווייטערדיגען קאַ-פּיטעל.

א מעשה, אז אין שטיבעל אַלעע 6, האָט מען ערב פּסח צום סדר נישט אהיים גענומען א געפאַלענעם סוחר, וועלכער איז איבערגעבליבען אין טשענ-סטאָכאָוו אויף יום-טוב.

איך בין אָוועק צו די אָנגעזע-הענע בעלי-בתים פון שטיבעל און זיי געפרעגט, היתכן? איז דאס מעגליך. אויף דעם האָט מען מיר געענטפערט פאָלגענדעס:

אין שטיבעל האָט זיך געוואָנדען א יוד, וועגען וועלכען מען האָט געהאַט אינפאָרמאַציעס וועגען נישט צועלכע שעהנע מעשים, היות אָבער ווי עס איז יום - טוב און פּסח דערצו, ווען מען זאָגט כל דכפין, האָט באַלד דער אָנ-וועזענדער קהלה-פּרעזעס ה' גאָלדשטיין דעם יוד געהייסען געבען צו עסען אין דער זעלנער-קוך און איינער פון די מתפּללים (ה' יצחק שטראַסבורג) האָט איהם אָהין אָבגעפיהרט. אויפ'ן וועג האָט דער יוד געזאָגט, אַז מען דאַרף איהם נישט פיהרען, ער ווייסט אַליין וואו די קוך געפונט זיך און ווי נאָר ה' ש. איז אָוועק איז דער יוד צוגעגאַנגען צו עטליכע מתפּללים וואס זע-נען אָהיימגעגאַנגען פון א שטיבעל און געשריען, אַז מען וויל איהם נישט גע-בען צו עסען יום-טוב.

אַזוי האָט מען מיר איבערגעבען און ערשט דאמאלס איז מיר פערשטענדליך געוואָרען דער אין פּלוג אונגלויבליכער פאַל, וואס האָט געקענט האָבען פּאַ-סירט אין אַזאַ מנין, ווי עס איז דאס שטיבעל אַלעע 6.

יעמוד ק"ק קלאָבוצק.

זינט דער קלאָבוצקער רב זיצט אויפ'ן כסא-הרבנות אין כרך קלאָבוצק, קומען דאָרט פאָר מחלוקות וועגען פער-שידענע ענינים, איבער א שוחט אָדער איבער א טעאַטער ר"ל, אַזוי, אַז קלאָ-בוצק איז דאַנקען גאָט פערזאָרגט מיט מחלוקות אויף א גאַנץ יאָהר.

היי-יאָהר פאַר פּסח איז דאָרט אויס-געבראָכען א מחלוקה צוליעב מצות. דער רב האָט אַרויסגעלאָזט אַנ'אויפרוף אַז די און די בעקערייען זענען כשר אויסצובאַקען מצות און דאס מעהל איז צו בעקומען נאָר דאָ און דאָ, האָבען זיך די בעלי - בתים צובונטעוועט און האָבען ערקלערט אַזוי צו זאָגען: היות ווי דער רב וויל נישט עסען פון דער קלאָבוצקער שחיטה און אַלע יודען הייסט ער יאָ עסען, וועלען זיי דאס-מאָל עסען גראָד פון די מצות, וואס דער רב אסר'ט.

האָט ר' מענדיל בעקער געקויפט מעהל אין דזיאַלאָשין, גע'כשר'ט אַנ'-אויוועץ דורך אַנ'עדה יודען, צווישען זיי אויך א געררער חסיד און מ'האָט געבאַקען מצות. ווען ס'האָט איהם אויסגעפעהלט מעהל האָט ער עס בע-קומען אין דער היגער קהלה.

דער רב האָט געסטראַשעט מיט ליי-גען אין חרם אַריין און דער עולם האָט געקויפט מצות ביי מענדלען צו 90 גר. פאַר א קילאָ (אין שטאָדט האט געקאָסט 1.20) און מקיים געווען די מצוה פון אכילת מצה מיט'ן קנאַק.

שמועסט מען, אז די מחלוקה וועגען די מצות וועט אַזוי לאַנג דויערען ביז עס וועט אונטערקומען א פרישע מחלו-קה.

לאַנג וואַרטען וועט מען נישט דאַר-פען.

נישט אַלע אַרבייטסלאָזע האָבען דעמאָנסטרירט.

דער פּראָלעטאַרישער יום-טוב איז אַדורך אימפּאָזאַנט. די חברים פון אַלע פּאַרטייען האָבען יוצא געווען ידי חו-בתם. זיי האָבען מארשירט איבער די גאַסען מיט זייערע רויטע פּעהנער, גע-רופען די לאָזונגען, אָבגעהאַלטען מי-טינגען און זיך פונאַנדערגאַנגען.

דערביי איז אָבער כדאי צו בעמער-קען, אז בלויז דער „בונד" מיט די פּ. פּ. ס. האָבען מקיים געווען הלכות סאָלידאַריטעט. זיי האָבען דעמאָנסטרירט געמיינזאַם, אויסגעמישט (און נישט זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַלע יאָהר פון הינטען) יעדע לויט זייער פעראיין. דאַגעגען די „אונאָבהענגיגע" ווי אויך די לינקע פּ. צ., וועלכע זענען ארויס מיט א פּאָר געצעהלטע יונגלעך און מיידלעך, האָבען דעמאָנסטרירט זייערע סאָלידאַריטעט געפיהלען בעזונדער...

און נאָך א זאַך איז ווערט צו בע-מערקען. אין דער צייט, ווען די גע-מיינזאַמע דעמאָנסטראַציע האָט מאַר-שירט איבער די אַלעען, האָבען די „אונאָבהענגיגע" און די פּ. צ. נאָר מאַרשירט אין דער ערשטער אַלעע און צוריק. פאַרוואס איז דאָס?

און איצט דער עיקר.

בעת דער דעמאָנסטראַציע, האָט מיר א געוועזענער סוחר אויפמערקזאַם גע-מאַכט, אז אין דער דעמאָנסטראַציע בעטייליגען זיך נישט אַלע אַרבייטסלאָ-זע און ווען איך האָב איהם געוויזען א גרופּע אַרבייטסלאָזע מיט א ספּעציע-לען טראַנספּאַראַנט, וואָס פאָדערט ברויט און אַרבייט, האָט ער מיר געזאָגט, אז נישט די אַרבייטסלאָזע מיינט ער, עס פעהלט — זאָגט ער — די גרויסע צאָהל אַרבייטסלאָזע פאַבריקאַנטען און סוח-רים, זיי האָבען געדאַרפט דעמאָנסטרי-רען, אָה זייער צאָהל וואָלט געווען זעהר א גרויסע...

ה' יאשינאָווסקי, איך קען אייך געבען אינפאָרמאַציעס...

חשובער ה' יאשינאָווסקי!

ווי מען האָט מיר איבערגעבען, קלויבט איהר אינפאָרמאַציעס וועגען מיין פערגאַנגענהייט. איהר ווילט מיט מיר פיהרען א מלחמה, דערפאַר ווייל איך האָב געוואָגט אייך אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז איהר האָט געהאַנדעלט נישט טאַקטיש מיט אייער אומגעלום-פּערטען אַרויסטריט געגען א היגען אָנ-געזעהענעם בעל-הבית אויף א מיטינג פון קריסטען.

ה' יאשינאָווסקי, צו וואָס דאַרפט איהר זוכען אינפאָרמאַציעס ביי פרעמ-דע וועגען מיין פּערזאָן, אַז איהר קאָנט זיי בעקומען ביי מיר אַליין, אויסער, אַז איהר ווילט זיך נישט מיט מיר בע-געגענען מורא האָבענדיג, אַז איך זאָל אייך נישט אויפמאָהנען דעם חוב, וואָס איהר קומט אין רעדאַקציע פאַר אָנאָנ-סען, אָבער דאָס מאַכט נישט. מיר האָ-בען זיך שוין לאַנג מיאש געווען פון זיי.

איבריגענס, צו וואָס דאַרפט איהר די אינפאָרמאַציעס, איך בין דאָך א היגער געבוירענער און אפילו מיין עלטער זיידע ליגט אויפ'ן היגען בית-עולם און מיך קאָן די גאַנצע שטאָדט, נאָר איהר פאַניע לעבען, אַזוי ווי די אַלע אָנגעלאָפענע פּאַסקודניקעס, וועל-כע קומען דאָ אהער גאָט ווייסט פון וואַנען און ווילען באַלד בעהערשען די שטאָדט. אָט וועגען אייך און איי-רע חברים וואָלט געלוינט צו נעמען אינפאָרמאַציעס, דאַן מעגליך וואָלט מען עפּיס געוואָהר געוואָרען... אָבער וועגען מיר צו נעמען אינפאָרמאַציעס איז אַנ'אומזין.

און אויב עס געהט אייך דוקא אין נעמען אויסקונפטען וועגען מיר, דאַרפט איהר נישט געהן איבער די הייזער, קומט צו מיר און איך וועל אייך גע-בען די גענויעסטע אינפאָרמאַציע...

לויתן

„קבוץ גלויות“.

(איינדרוקען פון דער מכבידה אין ארץ-ישראל).

איך בין נישט קיין ספארטסמאן און דאך בין איך עס געווארען די לעצטע פאר וואכען. מיר דאכט זיך, אז ווען איהר וואלט געווען דא ביי אונז אין ארץ-ישראל, אין דער מכבידה צייט, וואלט איהר זיך אויך גענומען אינטערעסירען מיט ספארט. וואס הייסט? — אט לויפען די אמעריקאנער — און ווי נאך? הונדערט מעטער, פיער מאל הונדערט מעטער, אכט הונדערט מעטער — ווער וועט דאס קומען פריהער? — אט, אט איז דאכט זיך דער זיעג גאר זיכער פאר א הויכען לאנגען בחור פון טשעכיען, — און מיט אמאל, אט-אט ביים ציעל, און דער אמעריקאנער קומט גאר פריהער!...

מיך האט זעהר ווייניג געקימערט דער עצם לויפען — דער מכבי אדער יענער מכבי; ביידע זענען דאך אזוי ליעב תנ'עווריג. „נישטא קיין לאקאל-פאטריאטיזם„.

— עס שטעהען אין דער רייהע פיער-פינף יונגע מיידלעך. ווי טייבעלעך פליהען זיי מיט דעם ערשטען צייכען. די יונגלינגע שוועבען ווי אין דער לופטען... די אויגען ברענען, דו האסט קיין צייט נישט זיך ארומצוזעהען, און א הילכיגער עכא פון אפלאדיסמענטען טראגט זיך פונאנדער איבער'ן ברייטען סטאדיאן לכבוד דער זיגערין. —

יעדע לאנדסמאנשאפט דריקט אויס איהר געפיהל אויף איהר שטייגער; דער דייטש מיט א שטארקען האנדדרוק, דער עסטרייכער מיט דרייפאכען „האך“, דער ענגלענדער מיט א לעבעדיגען פאטש אין פלייצע און דער אמעריקאנער — מיט שטארק ארומנעהמען. — אט שפרינגט ארויס פון טריבונע א מענש אין די מיטעלע יאהרען. דאכט זיך גארנישט קיין מכבי'סט. וואס טהוט ער דא? וואס איז ער אזוי לעבעדיג? — דאס נעהמט ארום דער אמעריקאנער קאנסול אנ'אמעריקאנער מכבי'סטקע, ווייל זי איז געקומען די ערשטע אין דעם לויף פון הונדערט מעטער. אויך דער דייטשער קאנסול שטעהט נישט אב; ע' אפלאדירט מיט גרויס היץ דער דייטשער גרופע, וואס האט געזיעגט אין לויף פון פיער מאל הונדערט מעטער. היינט וועגען די ענגלענדער איז דאך גארנישט דא וואס צו רעדען. אנהויבענדיג פון דעם הנציב-העליון און ענדיגענדיג מיט'ן לעצטען פאליציי-מאן — זיי זוכען מיט די אויגען די העל-בלויע קאסטיומען פון דעם לאנדאנער בר-כוכבא קלוב.

* * *

אט האט איהר גאר א מלחמה צווישען דייטשלאנד און אמעריקא אין... האנד-באל!

עס קאכט, עס רודערט. די פיס, די הענד, די קעפ, די פלייצעס — אלץ ארבייט. — א שטארקע מלחמה. ביידע צדדים זענען פערברענטע ספארטסמענער. — קיין גרויסער מבין בין איך נישט — קוק איך זיך מיר אזוי, סתם. נישקשה, א היבשער עולם. דרייסיג טויזענד יודישע קעפ, אהן עין הרע, זענען זיי דאס אלע אזוינע ספארטסמענער? — און דאך בלישטשען ביי אלע די אויגען... — „צוליעב דעם איז כדאי צו לעבען און ליידען“...! — זאגט ער.

איך פיהל, אז דאס זענען נישט סתם ווערטער. דער דאזיגער ספארט-רעצענזענט האט געזעהען דא עפעס מעהר ווי א געוועהנליכען ספארט. דאס איז אויך נישט קיין אלימפיאדע, ס'איז עפעס יום-טוב'דיגער, נשמה-יתירה'דיגער.

* * *

פון איבען פלאטערען צוואנציג פאהנען פון פערשידענע לענדער. ביים טויער אונזער ווייס-בלויע פאהן. מיט אלעמען צוגלייך. נאך מעהר — היינט איז זי, אונזער פאהן, א מכניס-אורח.

דער מעגאפאן רופט עפעס אויס און עס טומעלט זיך. מען דריקט הענד, מען איז צופרידען, מען שפרינגט אונטער. וואס איז געשעהן? — דייטשלאנד האט געזיעגט מיט 5 געגען 2. — ווען מלחמה, וואס מלחמה, נישט דייטשען און נישט אמעריקאנער, נאר מכבי'סטען, קינדער פון איין פאלק.

* * *

ביינאכט אין פאלקס-הויז, א באקס-מעטש.

— קענען דען יודען די מלאכה? —

— נאך ווי!

— און ווייסט איהר וועלכע יודען? — דוקא די פון פוילען! דער טשעמפיאן וואס האט בעזיגט דעם גבור פון פוילען קעמפט מיט'ן טשעמפיאן פון עסטרייך.

— איז דען אנ'אונטערשיד ווער עס האט געזיגט? —

א רייהע איבער מיר זיצט א יוד פון ענגלאנד.ער קלייבט נחת.

— נישטא מיט וואס צו שעמען זיך! זאגט ער מיט גאוה.

יא, רבותי, אזעלכע יודען וועלען זיך נישט לאזען אין פנים שפייען!

* * *

אין „אהל-שם“ ארבייטען די ראפירעס. מען לערענט די חכמה פון שווערד. עס האלט אין איין קלינגען א שווערד אין א שווערד. דא האט געזיגט מצרים; איהר פארשטעהער, א מענש אין די הויכע יאהרען, האט געוויזען נסים-ונפלאות. די דייטשען מיט די עסטרייכער האבען זיך געזעטיגט מיט נחת, הגם זיי זענען געווען די בעזיגטע. ספרדים און אשכנזים האבען זיך בעגעגענט „אינ'ם קאמף“ און דער איז געווועזען אויף דער זייט פון די ערשטע.

* * *

נישט אומזיסט, זאגען די מכבי'סטען איז די מכבי'דה איינגעארדענט געווארען אין דעם צוויי-טויזענד-יעהריגען יובילעאום נאך בר-כוכבא'ס אויפשטאנד. ווער עס האט נישט געזעהען די דריי-טויזענד-קעפיגע מאניפעסטאציע מיט איהרע צעהנדליגען פערשידענע פאהנען האט קיין יודישע שמחה נישט געזעהן.

א העל-בלויער ים. יוגענד, האפנונג און מוטה...

מארשירען זיי: געהען די ענגלענדער, די עסטרייכער, פאליאקען, דייטשען, טשעכען און נאך און נאך. זיי פרעהען זיך. אלץ לעבט אין זיי. דער בולגארישער ארקעסטער האלט אין איין שפילען. איין מחנה אונטער איין פאהן. נישטא קיין מיוחסים. אלע גלייך. דער יוד פון ענגלאנד און דער יוד פון מצרים, דער יוד פון דייטשלאנד און דער יוד פון גריכענלאנד, פון פוילען און פון טשעכיען. פון אלע עקען וועלט זענען זיי געקומען. טויזענדער אויגען, האבען זיי בעגלייט. אין ווילען האט אלעמען פעראייניגט. צוויי טויזענד מענשען ווי-איין-מענש אונטער די קלאנגען פון פרייע ארץ-ישראל'דיגע נגונים...

* * *

א העל-בלויער ים האט זיך געוויגט צווישען דעם ים און ירקון. זיינע כוואליעס וועלען דערגרייכען אויך ביז אייך...

ח. ל. חריפאי.

תל-אביב, ניסן, תרצ"ב.

וו אזוי אין האלאנד איז רעגולירט דער שבת-רוה

יודען, וואס ארבייטען זונטאג זענען געצוואונגען צו רוהען שבת.

דער וועלט-פערבאנד „שומרי - שבת“ האט ארויסגעגעבען א בראשור א. נ. „זונטאג-רוה און שבת“ (אין דער דייטשער שפראך). ווי אזוי דער דאזיגער ענין איז אין האלאנד רעגולירט דורך דער מלוכה.

אינ'ם דאזיגען העפט זענען איבערגעגעבען אויסצוגען פון אלע פאראגראפען אין געזעץ, וואס האט א שייכות צו דער פראגע פון שבת-רוה פאר יודען. האלאנד איז דאס איינציגע לאנד אין דער וועלט, וואס האט די פראגע רעגולירט אויפן ברייטסטען און ראדיקאלסטען אופן. דער ענין איז אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנט נישט בלויז פאר פרומע יודען, נאר אויך בכלל פאר יודישע ארבייטער, אנגעשטעלטע און ארבייטס-געבער, וועלכע זענען נאך פאר זיך אליין נישט קלאר, ווי אזוי ס'וואלט געקענט דאס פראבלעם לעזען, אויב אפילו די רעגירונג וואלט עס געוואלט.

מיר וועלען דא איבערגעבען בקיצור די הויפט-פונקטען פונ'ם געזעץ פון ארבייטס-שוץ. 13 פאראג. די בעשטימונגען אין פערשידענע ארטיקלען מכוח זונטאג-רוה. ווערען פאר די ארבייטער, וואס היטען שבת, אריבערגעטראגען אויפן דאזיגען טאג, אויב זיי דערלאנגען וועגען דעם א בקשה צום שעף פון דער אונטערנעהמונג.

דורכ'ן דאזיגען געזעץ איז דער שבת קלאר און דייטלען אנערקענט פאר א געזעצליכען רוה-טאג. צוגלייך מיטן זונטאג. ווער ס'רוהט שבת, איז בעפרייט פון זונטאג-רוה. דערפון איז געדרינגען, אז די אונטערנעהמערס מעגען האלטען אפען זייערע געשעפטען און ארבייט-פלעצער סיי שבת און סיי זונטאג, כדי די יודען זאלען קענען זונטאג אפארבייטען פאר שבת.

היות אבער א יודישען אונטערנעמער איז לויטן דין פערוועהרט בעשעפטיגען אום שבת אפילו א נישט יודען, דערלאזט דער געזעץ, אז שבת זאל אינגאנצען די. אונטערנעהמונג זיין געשלאסען.

אויב א יוד וויל ביידע טעג האלטען געשלאסען זיין געשעפט, מעג ער די עטליכע שעה פונם ענגלישען שבת פונאנדערווארפען אויף די איבריגע פינף טעג, דאס הייסט, אז דאמאלס ווערט דער געוועהנליכער ארבייטס-טאג פערגרעסערט און מען רוהט צוויי טעג אין וואך.

אויב עס פאלט אויס א יודישער יום-טוב, מעג דער יודישער ארבייט-געבער אין די עטליכע טעג פאר יום-טוב לאזען ארבייטען ביז א שעה מעהר, אויב עס איז פערהאן דרינגענדיגע ארבייט.

בעזונדערע בעשטימונגען זענען פערהאן פאר בעקערייען. אין האלאנד איז די נאכט ארבייט אין בעקערייען בעגרעניצט ביז א מינימום, אזוי ווי אבער די יודען ארבייטען דאך נישט פרייטאג צונאכטס, מעגען זיי מעהר ארבייטען אין דער נאכט אויף זונטאג. א גאנצע רייהע פארשריפטען רעגולירען דעם דאזיגען פונקט.

ג § רעדט וועגען קראמען און זאגט בפירוש אז יודען קענען בעקומען פון בירגערמייסטער א דערלויבניש, צו האלטען אפען זייערע קראמען זונטאג פון 5 פארטאג ביז 2 בייטאג און שפייז-קראמען ביז 8 אין אוונד.

דערפאר אבער ווערט איהם שטרענג פערוועהרט האלטען אפען זיין קראם אום שבת.

דער פערבאט צו האלטען אפען קראמען נאך 8 אין אוונד איז פאר יודען נישט חל אויף די צוויי לעצטע טעג פאר א יודישען יום-טוב, פסח, שבועות, סוכות, ראש-השנה און יום-כיפור, אבער בתנאי, אז די קראמען זאלען אין די דאזיגע ימים-טובים דורכאויס זיין געשלאסען.

פאר. 8 זעהט פאר, אז אויב אין א שטאדט איז פערהאן א גרויסער יודישער קיבוץ, מעגען דאו'ט ארויסגעגעבען ווערען ספעציעלע נאכמעהר פערגרינגערנדיגע געזעצען פאר יודען.

מיט אט דעם פונקט בענוצט זיך טאקי אמסטערדאם, וואו ס'איז קאנצענטרירט א העלפט פון אלע האלענדישע יודען. דארט מעגען אלע יודישע קראמען זיין אפען זונטאג ביז 8 אין אוונד אויב זיי זענען שבת געשלאסען.

אין שייכות דערמיט איז אינטערעסאנט צו פערצייכענען, אז די אמסטערדאמער בירזשע פאר'ן דימענטען-האנדעל, וועלכער ליגט דערהויפט אין יודישע הענד, איז שבת געשלאסען און זונטאג אפען.

אין אמסטערדאם זענען כמעט אלע מארק טעג—זונטאג, און זיי קומען פאר אין יודישען קווארטאל, אויב זונטאג פאלט אויס א יודישער יום-טוב ווערט דער מארק אבגעלייגט, דאך זענען פערהאן אויך עטליכע שבת-מערק.

אפילו יודישע גאסען-הענדלערס און פעדלערס (הויזירערס) ווערט דערלויבט האנדלען אום זונטאג, דערהויפט אין די יודישע גאסען פון אמסטערדאם.

אין די באהנען איז פערשטעהט זיך קיין שבת-רוה נישטא, אבער פאר האלטען סחורה אויפ'ן באהן-מאגאזין ווערען א יודען נישט גערעכענט די טעג פון שבת און אלע יודישע ימים - טובים. אויך א פאסאזשיר-בילעט, אויב זיין טערמין גייט אויס שבת, ווייל מ'נעהמט אין בעטראכט, אז דער יוד פאהרט נישט שבת.

אינוואלידען, אדער אנדערע, וואס בעקומען רענטע פון דער רעגירונג, קריגען עס אויסגעצאהלט ערב שבת און ערב יום-טוב.

בעזונדערע פאראגראפען רעגולירען די פראגע פון זונטאג-רוה פאר יודישע מלוכה-בעאמטע און סאלדאטען. אין כלל גענומען בעשטייען די רעגולירונגען דערין, וואס ס'ווערט דערלויבט די יודען צו בייטען זיך מיט זייערע חברים קריסטען מיט דער ארבייט-צייט, אפארבייטען פאר זיי אין די קריסטליכע ימים-טובים.

דאס זעלביגע איז אויך חל אויף יודישע באהן-בעאמטע.

דער דאזיגער ענין איז נאך אבער ניי אין די פערווירקליכונג אין לעבען ווערט נאך איצט ביסלעכווייז אדורכגעפיהרט.

יודישע סאלדאטען זענען שבת און יום-טוב פולשטענדיג פריי פון דער ארבייט.

אויך אין די שולען איז די שבת-רוה

וואס געהערט, וואס געזעהן.

קודם-כל אביסעל איינדריקען פון די פערגאנגענע ימים-טובים.

אז די יום-טוב'דיגע טעג זענען אוועק.

וואלטען מיר געהאט כאטש אזוי פיעל גוטע וואכען - טעג, וויפיעל מיר האבען געהאט ימים-טובים, וואלט געווען וואויל און גוט צו אונז.

שטעלט אייך פאר, אז מיר האבען היי - יאהר געהאט אהן א שיעור יום-טוב. די ערשטע טעג און די אנדערע טעג, דאן א טאג אבריה און ווידער שבת זונטאג יום-טוב, מאנטאג אברוה, דינסטאג ווידער יום-טוב, מיטוואך אברוה, דאנערשטאג ווידער יום-טוב, היינט פרייטאג איז ווידער א וואכען-טאג און מארגען שבת און זונטאג ווידער יום-טוב, אזוי, אז מיר האבען געהאט דריטע, פירטע און פינפטע טעג יום-טוב.

און פון די דאזיגע פיעל ימים-טובים ווערט אלץ וואכעדיגער אין דער טאש. געבליבען זענען בלויז איינדריקען.

„ולמלשינים“ אל תהי תקוה.

מען דערצעהלט, אז צו א היעגען חסידישען בעל-הבית אין דער ווארשאווער גאס און וואס קוואקעט שוין שוין צו ווערען א דאזאר, איז געקומען צו פאהרען אנ'אלטער פאטער פון מאלושין, וועלכער האט געוואלט זיך אברוהען זיינע אלטע ביינער, האט דער זוהן, דער שיינער יוד, איהם ארויסגעווארפען און איהם געהייסען געהן צום צווייטען זוהן, אויף דער יאטקע גאס.

יענער איז אבער אנ'ארימאן און האט איהם נישט געקענט געבען איהם עסען, אזוי לאנג האט מען דעם פאטער געשיקט פון איין זוהן צום צווייטען ביז מען האט איהם משלח געווען צו א דריטען זוהן אין א קליין שטעדטיל און ווער ווייסט צי ער וועט שוין דארט האבען זיין רוה-פלאץ.

וויצלען זיך די חסידים, וואס דאווענען מיט'ן שיינעם יוד אין איין שטיבעל מיט די ווערטער „ולמלשינים“ און דער פאטער פון מאלושין האט פערלוירען די האפנונג צו געפונען ביי זיינע קינדער א שטיקעל מקום מנוחה אויף די עלטערע יאהרען.

זיי האבען צוריקגעשיקט די טשעקען.

ווי בעוואוסט האט דער הילפס-קאמיטעט צוטיילט פאר יום-טוב געוויסע סומען געלד פאר ארבייטסלאזע בעלי-מלאכות און קליינהענדלער.

האט מען זיי ארויסגעגעבען טשעקען. האט אבער געטראפען, אז עטליכע טשעקען פון האנדווערקער, זענען צוריקגעקומען מיט דער צושריפט, אז היות ווי זיי האבען אין משך פון דער צייט בעקומען ארבייט דאנקען זיי פאר די טשעקען און בעטען עס איבערצוגעבען אנדערע בעלי - מלאכות, וואס זענען מעהר נויטבעדערפטיג.

דאגעגען האט אבער געטראפען, אז אזעלכע, וואס האבען פון אמעריקא בעקומען אויף פסח צו עטליכע צעהנדליגג דאלאר (אויך דאס טרעפט זיך נאך היינט) און פונדעסטוועגען האבען זיי זיך בעמיהט, אז זיי זאלען בעקומען וואס מעהר קמחא.

גרויס איז דאס וואסער, וואס הייסט וועלט און פערשידענע פיש פויזען דארט ארום...

עכט יום-טוב'דיג.

צוויי פאקטען וויל איך דא פערצייכענען, וואס האבען פאסירט אין יום-טוב און דארפען נישט קיין פירושים.

עס איז געווען שביעי של פסח אינדער פריה, קומט אריין צו מיר א קאנטראלער פון דער עלעקטראווניע. פערשטענדליך, אז מיין פרוי האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז עס איז יום-טוב און זי וועט איהם נישט לאזען קאנטראלירען, האט זיך דער קאנטראלער שטארק ענטשולדיגט, איבערגעבעטען און איז אוועק.

נאכמיטאג בין איך געווען צו גאסט ביי מיינס א פריינד, וועלכער האט זיך איבערגעצויגען אין א נייער דירה און אזוי ווי מיר זענען געזעסען ביי א גלעזיל משקה, עפענט זיך די טהיר און עס קומט דער בעל-הבית פון דער אלטער דירה אין דער בעגלייטונג פון א פזשאדאווניק מיט'ן סטרוזש.

וואס ווילט איהר פאניע ר' העניך? —האב איך זיך געוואנדען צום בעל-הבית, וואס שמ'ט פאר א שטרענג-רעליגיעזען יוד און ביים צווייטען ווארט האלט ער א מוסר-רעדע, אויסגעמישט מיט דברי חז"ל.

ר' העניך זאג איך צו איהם, איהר האט נישט געקענט קומען מיט'ן פאליציאנט א טאג נאך יום-טוב, נאר דוקא אין יום-טוב, עס איז דאך א חרפה פאר'ן פאליציאנט און פאר'ן סטרוזש... צי וואלטען דאס קריסטען אויך געטהון?

ר' העניך פ., דער בעל-הבית פון הויז אויף דער גארנצארסקא 24 האט אבער דוקא געפאדערט, אז דער סכסוך זאל ערלעדיגט ווערען אין יום-טוב און דוקא אין שביעי של פסח, ווען יודען האבען געזינגען שירה, א גליק איז געשעהן, וואס דער פאליציאנט האט זיך נישט געפיהלט קאמפעטענט דעם ענין צו ערלעדיגען האט ער זיך ענטשולדיגט, ווייל ער האט געשטערט דעם יום-טוב, דער חסידישער בעל-הבית האט אבער אויף איין סעקונדע נישט אויסגעדריקט זיין חרטה.

איהר דארפט פירושים?

איך האבע די עהרע...

די זעלנער-קוך איז היי-יאהר איינגעארדענט געווארען אהן פאראד און אהן טימעל, און גראד היי-יאהר, ווייל עס איז א קריזיס, איז פונקט געווען מעהר סאלדאטען, און פונדעסטוועגען זענען אלע עסערס געווען העכסט צופרידען.

און מען מוז עפענטליך דאנקען די ה"ה ווילהעלם זשעריקער, ד. דזיאלאוויטש און ה' משה אש פאר זייער אנגעשטרענגטע ארבייט די קוך צו פיהרען אין דער געהעריגער ארדנונג. אויך די ה"ה אביש פאגעל, גוטערמאן, מונאוויטש און א. דזיאלאווסקי, וועלכע האבען מיטגעהאלפען די גאנצע 8 טעג יום-טוב.

איך שרייב די דאזיגע שורות דערפאר, ווייל מען האט מיך אויפמערקזאם געמאכט, אז געוויסע פערזאנען וועלכע האבען נישט געטהון די האנד אין קאלטען וואסער און זענען זאגאר אין דער קוך נישט געווען, האבען זיך געלאזט אפישירען אין א צייטונג, אז זיי האבען בעקומען דעם כבוד אין זייער אנוועזענהייט אנצונעמען די דאנקזאגונג פאר זייער ארבייט.

מען דערצעהלט, אז ווען עס האט זיך אין דער מלחמה בעגעגענט א דייטשער מיט אנ'עסטרייכישען גענעראל האט דער עסטרייכער זיך בעגריסט, „איך האבע די עהרע“ אויף וועלכען דער דייטש האט אבגעענטפערט: און איך די ארבייט.

דאס זעלבע איז פארגעקומען אין דער זעלנער-קוך, די אויבענדערמאנטע ה"ה האבען געארבייט און אנדערע ווילען האבען די עהרע...

„כל דכפין“

מען האט מיר יענע וואך דערצעהלט

25 יעהריגער יובילעאום פון דער היגער יודישער באנק ספולדזיעלטשי.

אין עטליכע טעג ארום פייערט די היגע קאאפעראטיווע באנק ספולדזיעלטשי דעם 25 יעהריגען יובילעאום פון איהר עגזיסטענץ.

נישט אלע אין אונזער שטאדט ווייסען וואס עס איז אייגענטליך די דאזיגע באנק-אינסטיטוציע, וואסערע גרויסע בעדייטונג זי האט פאר'ן יודישען טשענסטאכאוו און וואסערע לייסטונגען זי האט אדורכגעפיהרט אין משך פון איהר 25 יעהריגער טעטיגקייט אויפ'ן דאזיגען געביט.

דער דאזיגער אנשטאלט איז מיט 25 יאהר צוריק, אלזא אין יאהר 1907, געגרינדעט געווארען אונטער'ן נאמען „טשענסטאכאווער יודישע לייה - און שפאר-קאסע", און איהר טעטיגקייט איז בעשטאנען אין געבען גרעסערע און קלענערע הלוואות די יודישע קליינהענדלער און בעלי-מלאכות, אויף אויסצוצאהלען איינציגווייז, רעכנענדיג זיי די מינימאלסטע צינזען, אז זיי זאלען נישט דארפען אנקומען זיך בארגען געלד ביי די מלוים און צאהלען גרויסע פראצענט פאר וועלכע זיי האבען אויך נישט געקאנט בעקומען געבארגט.

אלס די איינציגע יודישע פינאנץ-אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט האט זי געדיענט כמעט אלע יודישע קליינהענדלער און בעלי-מלאכות, וועלכע האבען באלד געפונען זייער אונטערשטיצונג צו קענען עגזיסטירען און פיהרען זייערע אונטערנעהמונגען, און אזוי האט זי געפיהרט איהר נארמאלע טעטיגקייט לטובת דער היגער יודישער בעפעלקערונג און זיך ערווארבען די גרעסטע סימפאטיע און צוטרוי צווישען אלע שיכטען, וועלכע האבען אריינגעגעבען זייערע וועקלאדען און מיט דעם ערמעגליכט צו פערגרעסערען איהרע אומזאצען.

מיט'ן אויסברוך פון וועלט-קריעג אין יאהר 1914 האט די אינסטיטוציע פערלוירען א זעהר גרויסען טייל פון איהר פערמעגען, ווייל די בעפעלקערונג האט נישט געקאנט צאהלען איהרע פערפליכטונגען. אבער אין די שווערסטע פינאנסיעלע בעדינגונגען האט זי נישט אבגעשטעלט איהר טעטיגקייט, און הונדערטער יודישע קליינסוחרים און האנדווערקער זענען טאקי א דאנק איהר געבליבען אויפ'ן פלאץ ביז'ן היינטיגען טאג.

אין די נאך-מלחמה-יאהרען ווען יעדער האט זיך אנגעהויבען אומקעהרען צו זיין נארמאלע בעשעפטיגונג און די באנק איז איבערגאנגען אונטער'ן נאמען „טשענסטאכאווער קאאפעראטיווע באנק", האט זי מיט דער גרעסטער ענערגיע בעגייט איהר טעטיגקייט, שטעהענדיג אויף דער וואך צו העלפען און אונטערשטיצען די דאזיגע יודישע שיכטען, וועלכע האבען זיך נענויטיגט אין איהרע הלוואות, און שטענדיג האט זי איהרע אויפגאבען גלענצענד אדורכגעפיהרט.

און היינט צו טאג, ווען מיר האבען שוין אין אונזער שטאדט עטליכע יודישע בענק-אינסטיטוציעס וואס פיהרען א נארמאלע טעטיגקייט אויף דעם געביט, בלייבט אלס די באנק ספולדזיעלטשי, אמאליגע לייה-און שפאר-קאסע, די פיאנערן, די ערשטע וואס האט געלייגט דעם גרונדשטיין פאר'ן יודישען באנק-וועזען אין אונזער שטאדט.

פייערונגען פון 3-טען מאי.

אין דריטען מאי זענען אזוי ווי אלע יאהר ביי אונז אין שטאדט פארגעקומען פייערליכע גאטעס - דינסטען און גאסען-צוגען, וואס האבען זיך אנגעהויבען מאנטאג אווענד.

אויך די יודישע בעפעלקערונג האט זיך ווארים בעטייליגט אין די פייערונגען.

פונקטליך 10 א זייגער זענען פארגעקומען די פייערונגען אין די שוהלען.

אין דער שטאדט-שוהל

האט אין דער אנוועזענהייט פון שטאדט-רב און פארשטעהער פון דער קהלה, אויך א פארשטעהער פון דער מאכט און די שילער פון ד"ר אקסער'ס גימנאזיום און קינדער פון דער פאוושעכנע שולע נומער 13, אבגעריכט די תפילות דער חזן ה' באדאש מיט'ן כאר.

דאן האלט דער רב א רעדע מענינא דיומא. דער כאר זינגט דעם פוילישען און יודישען הימן.

אין דער סינאגאגע.

האט אבגעריכט די תפלות ה' סרעברניק מיט'ן כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' זאקס.

דער פרעדיגער ד"ר הירשבערג האלט א רעדע מענינא דיומא און דער כאר זינגט דעם פוילישען הימן.

דער 1 מאי אין טשענסטאכאוו.

דער 1-טער מאי אין טשענסטאכאוו איז אדורך זעהר רוהיג.

צוליעב דעם שעהנעם טאג זענען טויזענדער מענשען געווען אויף דער גאס, וועלכע האבען אבסערווירט די דעמאנסטראציעס.

די געמיינזאמע דעמאנסטראציע.

אויף קאשטשושקי 62, פאר'ן לאקאל פון דער „ראדע" און פ. פ. ס, האבען זיך גרופירט די פראפעסיאנעלע פעראיינען מיט זייערע פעהנער, אויך זענען אנגעקומען גרופען פון וויצערפ, ראקאוו, קאמיעניץ און אנדערע פארשטעדט מיט זייערע ארקעסטערס.

דער „בונד" מיט זיינע פראפעסיאנעלע פעראיינען האבען זיך גרופירט ארום זייער לאקאל פילסודסקי 35 און דערנאך האבען זיי מארשירט צום זאמעל-פונקט פון פ. פ. ס.

האלב 11 א זייגער האט דער געמיינזאמער צוג פון פוילישע און יודישע ארבייטער, 5000 מאן, מיט עטליכע צעהנדלינג פעהנער און עטליכע ארקעסטערס געריהרט פון ארט און מארשירט דורך דער אלעע וואלנאשטשי, די אלעען, ביז צום מאגיסטראט-פלאץ און צוריק צו זייער לאקאל, וואו עס איז פארגעקומען א מיטינג, אויף וועלכען עס האבען גערעדט עטליכע רעדנער פון די פ. פ. ס. און בונד. דאן איז דער צוג פונאנדערגעלאזט געווארען.

ביי אנדערע גרופירונגען.

די „אונאבהענגיגע" האבען זיך פערזאמעלט אין זייער לאקאל אויף בערעק יאסעלעוויטש-גאס 8, פון וואו זיי האבען מארשירט אין נייעם מארק אלעע און צוריק צו זייער לאקאל, וואו די דעמאנסטראציע איז אויפגעלעזט געווארען.

אויך די לינקע פ. צ: האבען זיך פערזאמעלט אין זייער לאקאל ווארשאווער 5, וואו זיי האבען מארשירט מיט עטליכע צעהנדלינג יונגע חברים דורכ'ן נייעם מארק און דער ערשטער אלעע און צוריק צו זייער לאקאל,

ד"ר וואלפגאנג פאן וויזעל אין טשענסטאכאוו.

נאך א לאנגער ערווארטונג קומט קיין טשענסטאכאוו דער גלענצענדער זשורנאליסט און רעדנער — ד"ר וואלפגאנג פאן וויזעל.

דער חשוב'ער גאסט מאכט איצט א טורנע איבער דער גאנצער וועלט, כדי זיך צו בעקענען מיט דער לאגע פון יודענטום, און צווישען אנדערע האט ער אויך אויסגעקליבען טשענסטאכאוו אלס איינע פון די טורנעע פונקטען.

אין טשענסטאכאוו ווערט ער ערווארט דעם 11-טען ד. ח. וואו ער וועט אויפטרעטען אין קינא-זאל „אטלאנטיק" (אגראדאווא 26) מיט א פארטראג א. ד. ט. „די ענגלישע וועלט-פאליטיק און איהר בעציהונג צו יודען".

ד"ר פאן וויזעל איז דער פיהרער פון דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג אין ארץ-ישראל. דעריבער האט זיין פארטראג ארויסגערופען דעם געהעריגען אינטערעס.

א גרויסער סיורפריז פאר די ליבהאבער פון הומאר און געזאנג.

היינט פרייטאג טרעט אויף מיט א קאנצערט אין „קאמעראלני" דער בעוואוסטער איבעראל-בעליבטער רעוויקינסטלער און הומאריסט יאסעלע קאלאדני.

וועגען יאסעלע קאלאדני האבען מיר געלעזען אין דער ווארשאווער פרעסע וועלכע האט איהם געווידמעט זעהר ווארימע רעצענזיעס און זיך גארנישט געקאנט אבלויבען פון זיין גרויסען טאלאנט.

אין ווארשא האט יאסעלע קאלאדני געגעבען זיינע קאנצערטען קנאפע הונדערט מאל מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

איצט מאכט דער קינסטלער א טורנע איבער דער פראווינץ און אויך אונזער שטאדט וועט האבען די געלעגענהייט צו בעוואונדערען דעם אונפערגלייכליכען און אויף דעם געביט א נייעס אין דער וועלט פון הומאר און געזאנג.

דער קאמעראל-זאל איז פערהעלטניסמעסיג נישט קיין גרויסער און עס וועט בעשטימט אויספעהלען פלעצער פאר אלע, וואס וועלען קומען הערען יאסעלע קאלאדני.

דער כאר פון דער סינאגאגע אין דער „אהל יעקב" שוהל.

א גאנצען יום טוב האט אין דער נייער סינאגאגע געדאוונט דער שוהל-מתפלל ה, א. מיץ אהן כאר.

דאגעגען האט אין דער שוהל „אהל יעקב" גאנץ יום טוב געדאוונט דער יונגער טאלאנטפולער חזן ה' סרעברניק וואס האט שטארק אויסגענומען ביי די מתפללים.

א גרויסען סיורפריז האבען די מתפללים געהאט אחרון של פסח, וואו עס האט מיטגעווירקט דער גלענצענדער סינאגאגע כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' י. זאקס. אזוי, אז דער שוהל עולם איז געווען ענטציקט און אויסגעדריקט א דאנק דעם חזן סרעברניק און דעם דיריגענט ה' י. זאקס און ועל כולם די גבאים און שוהל-קאמיטעט, וועלכע האבען אנגאזשירט דעם כאר און זיי פערשאפט דעם אמת'ן עונג יום טוב.

דער „בית לחם"

פאדערט אויף צום לעצטען מאל, במשך פון 10 טעג, ארויסצונעמען די געווינסען, וואס זענען נאך פערבליבען פון דער 2-טער פאנטען-לאטעריע.

נאך דעם טערמין וועלען די געווינסען ליציטירט ווערען.

די נומערן זענען: 263, 14, 246, 20, 884, 16, 433, 497, 878, 375, 466, 865 און 540.

יודישער הילפס קאמיטעט פאר קריזיס געליטענע אין טשענסטאכאוו.

דין וחשבון פון 1.11 1931 ביז'ן 1.5 1932

הכנסה:	
חודש אבצאהל	7786.09
קאנצערט און באל	319.29
פראצענט פון באנק	2.26
נדבות	1067.70
זאמעל-טאג	1876.40
בס"ה	11051.74
הוצאה:	
פראדוקטען	4424.54
קינדער בעשפייזונג	770.00
שטיצע אין מזומנים (220 בערז.)	4021.00
אויסגאבען	1181.85
דורכגעהענדע סומעס	50.00
אויסגאבען זאמעל טאג	50.00
סאלדא אין קאסע	381.00
סאלדא אין באנק	173.25
בס"ה	11051.74

א חוץ דעם זענען פערטיילט געווארען די ערהאלטענע פון קרייז-קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע: 170 קערץ קויהלען און 200 קערץ קארטאפעל.

קליינינגקייטען.

די טראגעדיע פון א קינסטלער.

מיר זענען געזעסען אויף דעם קאנצערט פון דעם בלינדען פיאנא-קינסטלער אימרי אונגאר און מיט א פערכאפטען אטעם זיך צוגעהערט צו די טענער, וואס זענען ארויס נישט פון פארטעפיאן, נאר שטיקער פון דעם קינסטלערס צווייטאגטע נשמה,

דעם אמת זאגענדיג בין איך נישט קיין צו גרויסער מבין אויף מוזיק, דערפאר אבער בין איך געווען א מבין אויף דער גרויסער טראגעדיע פון דעם קינסטלער, וועלכער לייגט אריין אין דער מוזיק, וואס ער זעהט מיט זיין נשמה, זיין צוועהטאגט, אומגליקליך הארץ.

קוקענדיג אויף אימרי אונגאר, בעת ער פיהרט אויס מייסטערהאפט די שווערסטע קאמפאזיציעס פון שאפען אדער באך, זעהענדיג דאס בעוועגען פון די מוסקולען אויף זיין פנים, וואס ארבייטען אהן אויפהער און בעקומען פערשידענע גרימאסען, פיהלט מען ערשט דאמאלס די שרעקליכע טראגעדיע פון דעם גרויסען גאון, וואס איז בעשאנקען געווארען מיט א געטליכען טאלאנט, נאר איין קלייניגקייט פעהלט איהם—דאס ליכט פון די אויגען.

דער עולם אפלאדירט און ער, דער מייסטער, שאקעלט מיט'ן קאפ, ער זעהט נישט קיינעם, ער בעקומט בלומען, ער גלעט זיי, נאר ער זעהט נישט זייער קאליר, מען לויבט איהם, מען רופט איהם ארויס אויף ביס און ער קאן נישט זעהן דעם אויסדרוק פון פערגעטערונג אויף די פנים'ער פון זיינע פערעהרער.

צי קען מען ארייננדרינגען אין דער נשמה פון אזא קינסטלער, קאן מען פערשטעהן וואס פאר א וועלט ער זעהט, ווי אזוי ער שטעלט זיך פאר די וועלט?

ווען מען זעהט אימרי אונגאר ביי דער „ארבייט" פיהלט מען א גרויסע טראגעדיע און מען קען נישט אונטערשיידען ווער ס'לעבט זי איבער מעהר דער צושויער, אדער דער קינסטלער.

פארוואס נישט די התקוה?

פיעל מאל האט מען שוין די פראגע געשטעלט און פונדעסטוועגען בעט זי זיך נאכאמאל צו בעריהרען.

אין דער נייער סינאגאגע, וואס איז בעת די וואהלען צו דער קהלה געגאנגען מיט דער ציוניסטישער ליסטע און האט זאגאר ארויסגעלאזט אן'אויפרוף צו איהרע מתפללים, אז נאר די ציוניסטישע ליסטע איז דער ערפאלג פון דער סינאגאגע.

די נייע סינאגאגע אין וועלכער דער פרעדיגער איז דער פילאר פון דער היגער ציוניסטישער ארגאניזאציע, טא פארוואס ווערט ביי אלע פייערונגען אויסגעמיטען צו זינגען דעם יודישען הימן, די „התקוה", אין דער צייט ווען אין דער שטאדט - שוהל, וועלכע איז א בעל-הבתישע און די ציוניסטען האבען נישט אויף איהר קיין ספעציעלע השפעה ווערט ביי יעדער פייערונג, ווען מען זינגט דעם פוילישען הימן, גלייכצייטיג אויך געזינגען די יודישע התקוה.

און צום וויפעלטען מאל פרעגט זיך די פראגע: פארוואס, פארוואס מעג מען אלץ זינגען נאר נישט די התקוה?

קאנסעקווענצען...

דאס פורים-שפיעל אין דער היגער קהלה, וואס ציהט זיך שוין כמעט א גאנץ יאהר איז נאך נישט פערענדיגט, מען ווארט נאך אויף דער בעשטעטיגונג פון דער אויפזיכטס - מאכט און ערשט דאמאלס וועט מען צוטרעטען צו דער פראקטישער ארבייט ארויסצושלעפען דעם קהלה-וואגען, וואס זינקט אין א טיפער בלאטע פון חובות און רואין.

דערווייל אבער האבען די לעצטע פרעזידיום- וואהלען ארויסגערופען א שטיקעל טומעל צווישען די פעראייניגטע און פערבינדעטע פראקציעס, וואס האבען אין דער לעצטער מינוט „פעררעטען".

אט למשל שמועסט מען וועגען א תקיעת-כף, וואס א חסידישער דאזאר האט געבראכען און דער עפילאג וועט זיך אבשפיגלען ערשט אין ראבינאט.

דאן רעדט מען וועגען א רעזיגנאציע פון פרעזעס פון א גרויסען פעראיין, ווען זיינע מיטגלידער האבען ענטוישט אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען און ווער ווייסט מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען.

ווי איהר זעהט, וועלען די דאזיגע וואהלען נאך ברענגען קאנסעקווענצען.

וויניגער רעדען און מעהר טהון.

אויף אלע פערזאמלונגען, וואס מיר איז לעצטענס אויסגעקומען צו זיין אנוועזענד, האב איך געהערט רעדען וועגען דער העסליכער צרעת, וואס האט זיך לעצטענס אריינגעלאזט אין אונזער מחנה דער ענין פון מסירות.

איינער מסר'ט דעם צווייטען, אין אוזשאנד ליגען גאנצע פעק מסירות. און אז דאס איז עלול אומצוברענגען א סך יודישע פאמיליעס איז בלי ספק.

טא צו וואס אזוי פיעל רעדען, פארוואס זאלען די סוחרים - געזעלשאפטען נישט רעאגירען דערויף, זאל מען אזוי ווי אמאל דערווייטערן די מצורעים מחוץ למחנה.

וויניגער רעדען און מעהר טהון.

אבגעהיטען זאל מען ווערען.

ווי עס טראגען זיך קלאנגען זאלען חיי-יאהר נישט איינגעארדענט ווערען קיין קאלאניעס פאר ארימע יודישע קינדער, צוליעב מאנגעל אין געלד.

וואס פאר א אומגליק דאס וועט זיין פאר די שוואכע ארימע יודישע קינדערלעך איז איבריג צו רעדען, איז דאך דאס איינציגע רעטונגס - מיטעל, וואס דערהאלט די קראנקע קינדער א גאנץ יאהר אויף זיינע שוואכע פיסלעך.

זאל דאס חס-ושלום אויך בעזייטיגט ווערען איז עס א אומגליק, א זיכערער טויט פאר עטליכע צעהנדלינג קינדער.

אבגעהיטען זאל מען ווערען.

איין איינציגער טאג.

דאס שול-קוראטאריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, אז די קינדער פון די פאוושעכנע שולען קאן מען פערשרייבען נאר היינט פרייטאג, דעם 6 מאי ד. ה. נאר איין טאג און די דאזיגע פעראָרדנונג זאגט, אז די וואס וועלען פערשפעטיגען, וועט מען שוין שפעטער נישט פערשרייבען.

די כונה פון דער דאזיגער פעראָרדנונג איז א קלארע, דער עולם איז צופיעל געבילדעט און דעריבער האט מען זיי נעגעבען זיך צו פערשרייבען נאר אין איינציגען טאג...

פונדעסטוועגען דארפען אלע יודישע מאמעס אויסנוצען דעם איינציגען טאג ד. ה. היינט, פרייטאג א גאנצען טאג און פערשרייבען זייערע קינדער אין דער שולע אויף נארטאוויטשא 19-23.

סמאָל

דאס לעבען אין בית"ר.

דאנערשטאג, דעם 1 טאג פסח איז פארגעקומען א אסיפה פון קן.

די אסיפה עפענט אח זעלצער. דערנאך שמועסט זיך אדורך דער מפקיד הקן מיט אלע אחים-ות וועגן זייער ביז-יעצטיגער טעטיגקייט אין קן. נאכ'ן אבזינגען „מדן ועד באר שבע", ווערט די אסיפה געשלאסען.

פרייטאג דעם 2-טען טאג יום-טוב זענען פארגעקומען איבונגען אויפ'ן פלאץ פון „אייראן", וואו עס ווערען געמאכט די נויטיגע הכנות צו ל"ג בעומר.

שבת דעם 1 טאג חוה"פ האט דער אח מפקד הקן אבגעהאלטען א שיחה מיט'ן גאנצען קן א. ד. ט. 1) די בעדייטונג פון פסח פאר יודען בכלל און פאר'ן ציוניזם בפרט און 2) משה און הערצל. נאכ'ן אבזינגען די תפלה ווערט די שיחה געשלאסען.

דעמזעלבען טאג האלב 9 אָוונד איז פארגעקומען א נשף לכבוד דער ערעפנונג פון דער כיתה „הכשרה". די פייערונג עפענט אח פאטאשעוויטש און גיט א איבערבליק איבער דער ארבייט פון קן און די בעדייטונג פון הכשרה פאר'ן בית"ר.

דאן האלט דער מפקד הקן א רעפעראט א. ד. ט. 30 יאהר קרן קימת און 50 יאהר חיבת ציון.

ביי א גלעזיל „כרמל" - וויין און פירות פון תוצרת הארץ ווייל'ען זיך די געסט ביז שפעט אין דער נאכט.

שביעי של פסח האלב 11 פארמיטאג האט דער מפקד הקן אבגעהאלטען א שיחה א. ד. ט.: די סאציאלע פילאזאפיע פון תנ"ך. עס ענטוויקעלט זיך א לעבהאפטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אנטייל אלע אנוועזענדע.

דעם זעלבען טאג 3 נאכמ. איז פארגעקומען א אסיפת הקן. אח גליקסמאן רעדט ארום וועגען דער בעדייטונג פון „קרן בית"ר", וואו ער פאדערט אויף אלע אחים אקטיוו זיך צו בעטייליגען אין דער דערמאהנטער אקציע.

אחרון של פסח איז אויפ'ן „אייראן"-פלאץ פארגעקומען א מזדר פון גאנצען גדוד א'. נאכ'ן אבגעבען די געהעריגע ראפארטען פאר'ן מפקד הקן ווערט געמאכט א איבערזיכט פון די פלוגות און צרורות פון גדוד א'. נאכ'ן מזדר געזעגענט זיך הארציג דער אח מפקד הקן מיט'ן גאנצען גדוד צו זיין אבפאהר אויף דער ווייטערז'יגער הכשרה צבאית.

עס ווערט געזונגען „מדן ועד באר שבע" און דער גדוד געהט זיך פונאנדער. צ. ק.

נו-מא, לאכט מען טאקי,
ס'האט יעדער א מכה
א קרירה האט געמאכט זיך
און א קעלט.
קומט, געגען ליגענד
מיר גייען מיט א ניגון,
מיר לאכען אויס
די שקר'דיגע וועלט.

דאס וועט זינגען די גאנצע שטאדט און „ארצט", וואס קומט אין קורצען אויפטרעטען אין אונזער שטאדט.

קינדער פאר קינדער.

פאר דער בעשפייזונגס-אקציע ביים „טאז" האבען צוגעשיקט: פרל. ווינשטאק 11.90 און ה' גרילאק 10.50 געזאמעלט דורך די קינדער אין דער שולע. דער בעשפייזונגס-קאמיטעט דאנקט דערפאר די קינדער און דער לייטונג פון די שולען

פון הרצליה

די ציוניסטישע יוגענד-ארגאניזאציע „הרצליה" האט זיך איבערציגען אין נייעם לאקאל קאשטשושקי 16 (פאבריק „איראן"), וואו די טעטיגקייט ווערט שוין געפיהרט נארמאל.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אבפאהר פון ראש-הקן אח קארטוז איז אויסגעוועהלט געווארען א נשיאות פון 1 אחות און 2 אחים, וועלכע זאל אנפיהרען מיט דער ווייטערער ארבייט פון דער ארגאניזאציע.

אויך איז בעשלאסען געווארען אז יעדער הרצליה'סט מוז אומבעדינגט אין משך פון חודש זיך קויפען א מונדיר.

הגיע הזמן

עס איז שוין העכסט-צייט, זאלסט זיך בעפרייען פון קריזיס!

דאס איינציגע מיטעל איז דאס **גרעסטע געווינס**

1.000.000 זל.

געה תיכף ומיד אין דער קאלעקטור

J. WEKSLER, Aleja 6

און קויף א צעטעל צו דער 25 מלוכה-לאטעריע.

א גאנצער לאס 40 זל. — א האלבער לאס 20 זל. — א פערטיל לאס 10 זל.

יעדער צווייטער לאס מוז געווינען.

ראנקזאגונג.

דעם הארציגסטען דאנק זאגען מיר דעם סטארשי פעלדשער ה' ס. מיטלער פאר זיינע לייסטונגען און ערטעלען מעדיצינישע הילף אונזער ליעב קינד. האט הצלחה אין אייער ווייטערדיגער ארבייט

מאקס כראפאט און פרוי.

א מתנה פאר קינדער.

דאנערשטאג האבען די קינדער פון דער פאווּשעכנע שולע № 12 בעזוכט די אינטערעסאנטע אויסשטעלונג פון מ. ד. גאטליב.

דער קינסטלער האט צוגעגרייט פאר די קינדער אנ'איבערראשונג שענקענדיג זיי א בילד לויט א גורל.

דאס בילד, וואס שטעלט פאר „א דרימעלדיגען" האט געוואונען די שילערין העניע שמולעוויטש.

די בילדער-אויסשטעלונג וועט בעזוכט ווערען אויך דורך אנדערע שולען. פאר גרופען ווערען צוגעגרייט איבערראשונגען.

נאר איינינע טעג.

האט דער טשענסטאכאווער עולם די מעגליכקייט צו בעוואונדערן די בילדער-אויסשטעלונג פון מ. ד. גאטליב אין האנדווערקער-לאקאל אלעע 12.

די „טאז" אלעע.

עס איז שוין מאי און אין נאך עטליכע וואכען ארום, וועלען די קינדערלעך פאהרען אדער געהן אויף דער קאלאניע פון „טאז", כאטש ווער ווייסט ווי אזוי דאס וועט היי-יאהר אויסזעהן, אבער פארברייטונגען ווערען שוין געמאכט, אז די קאלאניע זאל זיין גרייט פאר די קינדער.

ה' יעקב ראזענבערג, אין וועמענס גארטען עס איז פאראיאהרען פארגעקומען די האלבע קאלאניע פון „טאז", האט שוין צוגעגרייט דעם גארטען און גלייכצייטיג אויך געפלאנצט א רייהע בוימער און זיי א נאמען געגעבען „די טאז אלעע".

אכטונג עלטערן פון דער קינדער-היים ביים „דאבראטשינאשטש"!

מארגען שבת 11 פרי אין „טאז" בעריק-יאסעלעוויטש-גאס 3 קומט פאר א עלטערן-פערזאמלונג וועגען א וויכטיגען ענין מיט'ן אנטייל פון שול-דאקטאר.

אלע עלטערן דארפען אומבעדינגט קומען.

פון ספארט.

פון יודישען טורן=ספארט=פעראיין,

דעם 30 אפריל איז פארגעקומען די ערעפנונג פון אייגענעם ספארט - פלאץ אויף אלעע וואלנאשטשי 15, צוליעב וואס ס'איז פארגעקומען ספארט-שפיעל מעטשען צווישען די מענער און דאמען - מאנשאפטען פון וויקטאריא און יטס"פ. נאך די בעגריסונגען זענען פארגעקומען די שפיעלען. דאמען-נעץ-באל: וויקטאריא–יטספ 17:24. מענער נעץ-באל וויקטאריא–יטספ 13:30. צום ערשטען מאל אין טשענסטאכאוו דאמען-קארב-באל מעטש, וואס האט זיך פערענדיגט מיט'ן נצחון פון יטספ 4:10. מענער-קארב-באל האט געזיגט וויקטאריא 6:35.

– דעם 3-טען מאי אין נאציאנאלען יום-טוב האט אויך אנטייל גענומען דער יטספ. אין באקסען האט ווייסבערג אין א שעהנער פארם בעזיעגט זיין געגנער און ער איז הייס אפלאדירט געווארען דורך דעם זעהר צאהלרייכען פובליקום. די מענער נעץ-באל גרופע האט פערשפילט צום 27 פ. פ. 11:30.

– זונטאג ד. 8 מאי קומט פאר א מייסטערשאפטס קארב און נעץ-באל-מעטש הקס–יטספ, אויפ'ן פלאץ פון יטספ 5 נאכמ.

פון „אסכלה"

די היגע „אסכלה" האט זונטאג געשפילט א מייסטערשאפטס - מעטש מיט „קאראנא" אין ראדאמסק. רעזולטאט 1:1 דעם גאל פאר „אסכלה" האט געשאסען ראזענבלום.

– מארגען שבת 4 נאכמ. אויף ווארטאס פלאץ א מייסטערשאפטס - מעטש אסכלה–טשענסטאכובקא.

– ערעפנונג פון ראווערען-סעזאן ביי „אסכלה" קומט פאר זונטאג, דעם 8 מאי 9 פריה. עס נעמען אנטייל אין דער ערעפנונג דער בענדינער און ראדאמסקער „הכח". דערנאך קומט פאר א אויספלוג נאך אלשטין, וואו עס וועלען פארקומען געיעגען. די ערעפנונג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע וואלנאשטשי 37. ה. ב.

קומענדען זונטאג שפילט די ווארטא א מייסטערשאפטס-מעטש מיט דער היגער וויקטאריא, וואס זאגט צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE

z prawami szkół państwowych

Zofji Wajnsztokówny

w CZĘSTOCHOWIE, PIŁSUDSKIEGO 17,

przyjmuje zapisy na rok szkolny 1932|33 do wszystkich klas (od A do 4 włącznie).

DO PRZEDSZKOLA przyjmuje się dzieci od LAT 3-ch.

Uwaga: Po ukończeniu naszej szkoły dzieci przechodzą do 5-tej klasy gimnazjalnej.

DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI.

מצבות זעהר ביליג!

בעקומט מען נאר ביי די בעוואוסטע פירמע

ה. פראנק, ווארשעווער 57,

וועלכע ארבייט אויס אלע סארטען מצבות

פיעל ביליגער ווי איבעראל און דער עיקר רעיעלע בעהאנדלונג.

בעמערקונג: לאוט נישט פריהער ארוממויערען דאס קבר ביי מיינע קאנקורענטען ביז איהר זענט משוה געוואָרען וועגען דער מצבה, ווארום מען דערצעהלט אייך, אז מען איז מכלו'מרשט אויסען אייער טובה און שפעטער ביים בעשטעלען די מצבה מוזט איהר בעצאהלען וויפיעל זיי ווילען.

קומט דעריבער פריהער אין מיין ווערקשטאט און איבערצייגט אייך, אז נאר ביי מיר איז **אמביליגסטען און אמרעיעלסטען.**

מיט אכטונג **ה. פראנק, ווארשעווער 57.**

W Szkole Rzemiosł dla Żydów

Garncarska № 8

wakuje stanowisko dozorcy do objęcia od natychmiast.

Bliższe informacje udziela kancelarja.

OPTYK MEDICAL

Z. ERNER

Częstochowa, II-ga Aleja № 31.

עמפפעהלט **אלע זארטען ברילען**

פון פערשידענע פאסאנען, אויך וועלט-בעריהמטע גלעזער פון Carl Zeiss, Jena פונקטליכע אויספיהרונג לויט די רעצעפטען פון די ה"ה אקוליסטען.

די פרייזען זענען מיט 20 פראצענט ביליגער.

אויך איז צו בעקומען פאטאגראפישע אפאראטען מיט אלע צוגעהעריגקייטען און פערשיעדענע שטאהל זאכען.

URODONAL

CHATELAINA

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcz. wątrob. i stawy, łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo ul. Fredry 4 Warszawa

„Grand-Kino"

קאשטשושקי גאס.

לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

היינט! הערליכע ליבעס-טראגעדיע

TAJEMNICA SEKRETARKI

מיט קלאודיט קאלבערט און דזשארזש מעטאקס אין די הויפט-ראלען.

הערליכע אויסשטאטונג! ריהרענדע סצענעס!

איבער'ן פראגראם: „הינטער די קוליסען פון פוילישען ראדיא" און קלאנג=איבערזיכט.

Teatr „ODEON"

אלעע 27.

לעצטער סעאנס 10 אוונד.

אויפ'ן 1 סעאנס קרועסלא 1 זל.

היינט פרייטאג ד. 6-טען צום לעצטען מאל **STRASZNA NOC** מיט זאריקא שימאנסקא און א. בראדזיזש.

מארגען שבת דעם 7.-ען — פרעמיערע!

די ליבלינג **זשאנעט גיינאר** מיט'ן נייעם פארטנער **ווארנער באקסטער** אין הערליכען ראמאן דראמא פונ'ם לעבען פון א יתום.

JEGO MALEńKA

איבער'ן פראגראם: קלאנג=אקטואליטעטען.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג=קינא

Nowości

אלעע 12

לעצטער סעאנס 9-30 אוונד.

היינט און ווייטערע טעג.

מעכטיגע דראמא פון צוויי אומגליקליכע ליבענדע זיך הערצער

RAJ UKRADZIONY

ריהרענד! הערליכע אויסשטאטונג! אינטערעסאנט!

אין די הויפט-ראלען: טראגיקערין, **נאנסי קאראל** און **פיליפס האלמס**

איבער'ן פראגראם: קלאנג-וואך און פאקס-וואך.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I.Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6